UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 42-43 - September 1965 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8hv8s41k

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 42-43(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1965

Copyright Information
Copyright 1965 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

טאָפּל **43-42** נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב • און • שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

תשרי, תשכ"ו — סעפּטעמבער, 1965

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


צו דער דערעפענונג פון 40טן זמן — 3

דער פּאָעט, ישראל עמיאָט — 5

ישראל עמיט: לאָס אַנגעלעס; מדבראַויזאָנאַ (לידער) — 6

פּעסי הערשפּעלד־פּאָמעראַנץ: יידישער טרויער; צעזוניקטע גרינקייט (לידער) 7

מאַטעס דייטש: מיט קאָפּ און מיט טראָפּ — 8

ח. באַרקאַן: אין אַ מיטן נאַכט (ליד) — 11

י. פרידלאַנד: ביים ברעג ים (דערציילונג) — 12

דוד אָפּאַלאָוו: אין געזעלשאַפט פון בוימער (ליד) — 16

עליע ווערבלון (ישראל): פיר קליינע לידער — 17

יצחק פאנער (בת־ים, ישראל): בריוו פון שלום אַש — 18

מעינקע קאַץ: יאַגדע קלייבער (ליד) — 20

יהושע גרינהאָף: האַרבסט־מאָטיוון (ליד) — 21

יעקב שמואל טויבעס: אַרום אַ ליד פון מלכה חפץ טוזמאַן — 22

הערץ בערגנער: דער לץ פון „וואָלעווקע" (דערציילונג) — 25

פינטשע בערמאַן: פּאַרוואָס; מיין פענצטער (לידער) — 32

לוי גאָלדבערג: דריי לידער — 33

יהושע ריווין: דריי קליינע לידער — 35

קולטור קלוב טוער פון 39טן זמן — 36

מתתיהו אַשכנזי: אַריינגעטראַכט און אַרויסגעזאָגט — 37

א. כראַבלאָווסקי: קולטור־כראָניק — 40

חנה בושעל־סאָלאָוו: צו יענעם ברעג; נאָך אַ ליד — 42

א. גלאַנץ־לעיעלעס: אַ דאַנק־בריוול — 43

שמעון וואוזעק: אויף פרעמדע גאַסן (ליד) — 44

לאָטי פ. מלאך: „ספּעדיינע עווענין" (דערציילונג) — 46

א. באַביטש: פּעזער־שפּריצן — 53

יצחק ניומאַן: דער יום־טוב סוכות — 54

י. פרידלאַנד: אין הייליקער דערמאָנונג — 58

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד: די הייליקע מאַטלע (דערציילונג) — 60

ליטעראַרישע נאָטיצן — 63

מעם דע וועגאַ: דער יובל נומער „אונדזער קיום" — 63

אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן — 64

אַדמיניסטראַציע פון ל. א. יידישן קולטור קלוב (יאָר 64־65) — 66

רשימה פון ליטעראַרישע אָוונטן — 67

ביישטייערונגען, נעקראָלאָגן און באַגריסונגען — 71־82



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

12טער יאָרגאַנג, נומ. 42-43 • תשרי תשכ״ו, סעפּט. 1965 • לאָס אַנגעלעס


# צו דער דערעפענונג פון 40טן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

מיט דער דערעפענונג פון דעם נייעם זמן טרעטן מיר צו נאָך אַ יאָר פון אַקטיווער קולטור־טעטיקייט פון יידישן קולטור קלוב. מיר טרעטן איצט צו צום 40סטן יאָר פון קולטור קלוב — דאָס הייסט, פערציק יאָר לעבן פון אונדזער קולטור אָרגאַניזאַציע. אוודאי איז עס נישט קיין קלייניקייט אויסצורייד: 40 יאָר אומדערמידלעכע, אָנגעשטרענגטע קולטור טוּאונג; 40 יאָר אָנצוהאַלטן אַ יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע; אויסברייטערן און שטאַרקן קולטור טוּאונג; פאַראינטערעסירן, אויסברייטערן און שטאַרקן דאָס יידיש קולטור־וואָרט; שאַפן אַ ליטעראַרישע און קינסטלערישע סביבה, איז אָן און פאַר זיך אַ ביז גאָר וויכטיקער אויפטו אין יידישן לעבן.

חשובע חברים! לאָס אַנגעלעס איז געוואָרן אַן עיר ואם בישראל! אַ שטאָט וואָס איז געוואָרן דער צויבער־רוף צו וועלכער עס ציען זיך צענדליקער טויזנטער יידן, און צווישן זיי אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל יידיש־יידן, וואָס ווערן דאָ תושבים, און ווען אָט־די יידישע יידן בירגערן זיך איין, איז אין דער ערשטער ריי פילן זיי אָט־די יידן, אַז — „לא על הלחם לבדו יחיה האדם“ — אַז ניט מיט דעם ברויט אַליין לעבט אַ מענטש! זוכט דעריבער אַזעלכער, קודם כל, אַ גייסטיק יידיש ווינקל, וואו אויסצולעבן זיך יידיש־קולטורעל, אין זיין אייגענער יידיש־גייסטיקער סביבה צווישן זיינע אייגענע יידיש־גייסטיקע מענטשן.

אָט־די יידישע יידן, וועמעס גלויבן איז יידישע קולטור, יידיש אויסלעבן זיך איז זייער עיקר מאָטיוו, באַטראַכטן זיי דעריבער דעם קולטור־קלוב, קודם כל, זייער גייסטיקע היים. דאָס קומען זיי אויפנעמען, וואָך איין וואָך אויס, אָט די הונדערטער יידן, אַ יידישן רעפעראַט, אַ יידיש־מוזיקאַלישן קאָנצערט, אויסגעזונגען אַ יידיש פאָלקסליד; דאָ ווערט אויפגענומען אַ יידיש בוך, און בכלל אַלץ וואָס נעמט אַריין אין דעם ראָסטער פון אונדזער יידישער קולטור. אַוודאי איז עס אונדזער וואונטש, אַז אָט־די יידיש־יידן זאָלן ווערן געטרייע שותפים צו אונדזער יידישן קולטור־קלוב און זיין פאַרצווייגטע קולטור־טוּאונג.

אָט־די יידישע יידן, וועלכע האָבן ניט קיין באַשטימטע פאָליטישע דאָקטרין, האָבן זיי אָבער אַ אָפענעם אויער און אַ וואַרעם האַרץ פאַר אַלץ וואָס איז עכט יידיש־קולטורעל אין אונדזער יידיש לעבן. זיי זיינען עס אונדזערע אויפריכטיקע אַספּיראַנטן און שטיצער פון יידישן קולטור־לעבן און יידישער קולטור.

אונדזערע טירן זיינען תמיד ברייט אָפן פאַר יעדן איינעם וואָס באַטראַכט זיך ווי אַ דענקנדיקער ייד און מענטש 40 יאָר יידישע אַחריותפולע קולטור טעטיקייט אויף דער פּראָווינץ, אָן דער אַפּוטרופּסות פון אַ פּאַרטיי אָדער אָרדן פון אַ צענ־

טער אין ניו־יאָרק, ווערט עס ערשט דאַן פאַרשטענדלעך מיט וויפיל אידעאַליזם, איבערגעבנקייט און אפילו ראַנגלעניש אַזאַ איבערפּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציע ווי דער קולטור־קלוב, ווען עס איז אויסגעקומען דורכצוטראָגן אַט־די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ, כדי צו פאַרזיכערן זיין דויער און קיום. אַט אונטער אַזעלכע באַדינגונגען אויסצוהאַלטן אַ 39 יאָריקן עקזיסטענץ איז עס געוואָרן כמעט ווי אַ פענאָמען.

דער קולטור קלוב איז געבליבן פון די ווייניק יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן צו דער שפּראַך־אַסימילאַציע, וואָס האַלט אין פאַר־כאַפּן וואָס מער פון דער יידישער גאַס. ערנסט, אויפריכטיק און מיט חשיבות האָט דער קלוב אָפּגעהיט די ריינקייט פון אונדזער מאַמע־לשון; געשטיצט און פאַרשפּרייט דאָס יידישע בוך, דעם ייווא״א, דעם „יידישן קולטור קאָנגרעס״, דעם יידישן שול־וועזן, און אַלץ וואָס איז יידיש־קולטור־שעפעריש.

במשך די אַלע יאָרן פון קולטור קלוב׳ס עקזיסטענץ האָבן מיר באַוויזן אויפ־צובויען און אויסצוהאַלטן אַ פּראַקטיקן קולטור־צענטער, מיט אַ גרויסער צירקו־לירנדיקער ביבליאָטעק, וואָס לויט דעם באַריכט פון אונדזער ביבליאָטעקאַר, חבר אַזאָלין, האָבן מיר שוין איבער 10 טויזנט ביכער, און איז בכלל געוואָרן די היים פון דעם יידישן בוך, פאַר׳ן ריינעם יידישן וואָרט און יידישער קולטור סביבה

הגם דעם קולטור קלוב פּילט דאָ אויס אַ באַשטימטע געזעלשאַפטלעכע פונקציע און איז צום דינסט און נוצן פון דער יידישער קהילה, קריגט דער קלוב אָבער לחלוטין ניט קיין סובסידיע פון דעם „קאָמיוניטי קאָונסיל״ ווי אַזעלכער. דער קולטור קלוב האַלט זיך פינאַנציעל אויס אַליין, מיט בודזשעט פון איבער צען טויזנט דאלער אַ יאָר, ניט אָנקומענדיק צו דער ברייטער יידי־שער עפנטלעכקייט פאַר אַפּילס און שטיצע. דער קולטור קלוב, ווי אַ יידישער צענטער, ווערט אויפגעהאַלטן אויף דעם בכבודיקסטן און ציכטיקסטן אופן, וואָס איז ניט נאָר דער שטאָלץ פון אונדזערע מיטגלידער און פריינט, נייערט אויך פון יעדן איינעם, וואָס קומט אַריין אין אונדזער בנין...

אונדזער וועג, חברים און חברות, במשך די 39 יאָר, איז נישט תמיד אויס־געלייגט געווען מיט בלומען; מיר האָבן, ווי דער רוב קולטור אָרגאַניזאַציעס, געהאַט ניט ווייניק שוועריקייטן, שטרויכלונגען און נסיונות. דאָך זיינען מיר די אַלע יאָרן עקשנותדיק געשטאַנען ביי דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט, כסדר געמונטערט און געדופן דעם יידישן קולטור־מענטשן און טוער, זיך מתייחד זיין מיט אונדזער טואונג און באַהעפטן זיך מיט דער קולטור־שעפערישער אַרבעט. אונדזערע טירן זיינען תמיד געווען ברייט אָפן פאַר אַלעמען; מיר האָבן גערן און מיט פרייד אַלעמע אויפגענומען, בעיקר די וואָס האָבן געהאַט אַ באַציאונג צום יידישן וואָרט און קולטור.

ניט תמיד איז אונדזער רוף צו די א״ג פּרעטענדירטע קולטור־עסקנים אויפגענומען געוואָרן; זייער אָפט איז אונדזער קול געפאַלן אויף טויבע אויערן. אָבער מיר זיינען ניט מיד געוואָרן און ניט אַנטמוטיקט. צו אונדזער גרויסע און טרייסט האָבן אַ גרויסע צאָל יידישע יידן, אמתע פאָלקס־מענטשן, זיך צו אונדז צוגעהערט. זיי זיינען געוואָרן אונדזערע וואַרעמסטע אַספּיראַנטן און געטרייע בויער און שטיצער פון יידישן קולטור קלוב — געאייניקט און מיט די

# דער פּאָעט ישראל עמיאָט

ישראל עמיאָט איז געקומען קיין לאָס אַנגעלעס סוף זמן פון יידישע קולטור אַקטיוויטעטן, דערצו איז ער נאָך געקומען אומגעריכט. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט אַכט אויפטריטן:

דער ל. א. „פען" האָט איינגעאָרדנט די ערשטע לעקציע ביי די חברים פרענק העריסאָן אין הויז. חבר י. פרידלאַנד, פאָרזיצער. צווייטע לעקציע, ביי די חברים מאַרגאָליס; שלמה האָכבערג, פאָרזיצער. דאָס קולטור־ווינקל האָט איינגעאָרדנט אַ לעקציע ביי די חברים טרייסטער אין גאָרטן, מאַטעס דייטש, פאָרזיצער.

דער קאָונסל פון די לייען־קרייזן, אַ דאַנק דער אַנגעשטרענגטער מי פון חברה גאָסי סאַרטאָ, די איבערגעגעבענע סעקרעטאַרין, איז דער ביישאָג געווען איינער פון די שענסטע אונטערנעמונגען פון דעם זמן. עטל לעווין, פאָרזיצער.

דער ל. א. יידישער קולטור קלוב האָט געהאַט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן שבת־צונאַכט (דער קלוב איז אָפיציעל געווען געשלאָסן) אָבער אַ גרויסער עולם איז געקומען און דער אָוונט איז געווען זייער אַ פייערלעכער אין גייסט פון קולטור קלוב. הערי לאַנג, פאָרזיצער, און מאַטעס דייטש אין אַ געהויבענער, קאָלעגי־אַלער באַגריסונג.

אַן אינטערעסאַנטער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון דער אויפבוי גרופּע. אַן אָוונט האָט איינגעאָרדנט דאָס שטעטל עלסינאָר, אַ דאַנק זיין מומע און פעטער פינקלשטיין.

דער לעצטער—ווי אַ געזעגענונג—איז געווען דער ביישאָג אין אָלימפּיק יידישן צענטער. אַ דאַנק חבר סערגעי נוטקעוויטש פּערזענלעכן אינטערעס צו ישראל עמיאָט, איז געקומען אַ גרויסער עולם. חבר נוטקעוויטש האָט געגעבן אַ וואונדערלעכן אַריינפיר, אַזוי אַז עמיאָטן איז געווען גרינג צו ריידן צום עולם און דער עולם האָט עס טאַקע באַוויזן לויט די פראַגן וואָס ס'זיינען געשטעלט געוואָרן צום לעקטאָר.

אַרום און אַרום איז באַשערט געווען ל. א. צו געניסן אַ חודש פון גייסטיקער קולטור כאָטש אומגעריכט. ווי זאָגט זיך, אַלע גוטע זאַכן קומען אומגעריכט.

דער שריפטשטעלער ישראל עמיאָט האָט איבערגעלאָזט אַ רייכן איינדרוק און ל. א. וועט מסתמא אַביסעלע בענקען נאָך דער פערזענלעכקייט—עמיאָט—און דאָס איז אַ געוויסנס פון אַזאַ אינטימער באַקאַנטשאַפט פון שרייבער און לייענער.

---

אַחריות פאַר דער חשובער קולטור פּאָזיציע וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן ביי אונדזער יידישן עולם, האָבן מיר מיט חשיבות אויפגעהאַלטן די קולטור־היים אונדזערע, וואָס איז אָפן פאַר יעדן יידישן מענטשן, וואָס געפינט פריידע און גייסטיקע הנאה אין אונדזער ריין קולטורעלער יידישער סביבה.

אוודאי ווילן מיר דאָ דערמאָנען אונדזער פערטל־יאָר־שריט „חשבון", וואָס איז שוין געוואָרן דאָ אַ שם־דבר אין אונדזער יידישער לאָס אַנגעלעס און וואָס האָט זיך אויך קונה־שם געווען אין די תפוצות און אין ישראל.

חברים, פריינט פון קולטור־קלוב: געשטאַרקט זאָלן זיין אייערע הענט פאַר'ן אָפּרוף און שטיצע וואָס איר טראָגט פון צייט צו צייט לטובת דעם קולטור קלוב.

זייט געגריסט, חברים און חברות — אָ מ ן!

ישראל עמיאָט

# צוויי לידער

## לאָס אַנגעלעס

אומרואיק און זוכנדיק און אויפסניי געליטן,
און טראָג דאָס ביסל בענקשאַפט פאַר אַ יעדער שוועל,
ווי געפעלסטו זיך אינם נייעם געמעל? —
פאַלמעס טוען אָן דיר נייע, גרינע היטן.

האָסט דעם טויט נישט איינמאָל אויסגעמיטן,
ערשט שווימט ער אויף מיט יעדער קליינער וועל,
כאַטש נעם גראָם העל מיט זעל,
און ציטרינען־בליטן מיט סיבירער שליטן.

ס'איז נישט דאָס לעצטע ווערק און נישט דיין לעצטער האָפן,
נאָר ווי אַמאָל ביים דריטן טאָג באַשאַפן
זאָג, ווי דער באַשאַפער, כי טוב, ס'איז גוט!
עס פעלט עפּעס און ס'וועט אַ סך נאָך פעלן,
נאָר אַלע פאַרבן שטאַרבן אָפּ אין העל
פון אַלע לאַנגע וועגן אויסגערוט.

## מידבר אַריזאָנאַ

גאָט העלף, באָבעשי, אין מידבר אַריזאָנאַ,
איך הער נאָך אַלץ דעם טייטש־חומש נאָך גאַנצע דרייסיק יאָר;
אַלץ איז אַזוי פשוט, דאָך בלייבט נאָך אַלץ נישט קלאָר
די פערציק יאָר אין מדבר, די אמתע כוונה.

ביי וועמען זאָל איך פרעגן, ביי וועמען זאָל איך מאָנען
פאַר טויט פון דור המידבר ביים צוגעזאָגטן לאַנד;
פון מיר איז אויך דאָס גליק צו דערלאַנגען מיט דער האַנט,
נאָר די האַנט ווערט מיר קורץ אין מידבר אַריזאָנאַ.

אפשר וועט מיין אייניקל דערלעבן צו דעם אמת,
איך בין בלינד, אַ רמז פון אַ רמז.
זאָג, באָבע, נאָכאַמאָל, צאינה וראינה, ווי אַמאָל.

איז וואָס אַז נישטאָ אפילו קיין רמז פון דיין קבר,
איך קלייב אויף דיר אָן אבר צו אָן אבר,
פון הר סיני נעמט דאָס יינגעלע דעם אַלטן תורה עול.

(באָן: סאַנטאַ פע, על קאַפּיטאָן, ל. א.־שיקאַגע)

**פּעסיע הערשפעלד־פּאָמעראַנץ**

## ייִדישער טרויער

ווידער איז אַ יאָר אונדזערס
אַריינגעשוואומען אין ים פון אונדזער געשיכטע
און ווידער געלאָזן אונדז
שטיין פאַרווירטע;
אַרומגענומען מיט אונדזער
אייביקן, יידישן, הייליקן טרויער.

ווי אַ פייערדיק־רויטע מאָן־בלום
בליט, גליט און בריט אונדזער טרויער,
אויף אַלע ערדן, אויף אַלע בייטן,
שפּראָצט ער אויף —
אונדזער דור־דורותדיקער
המשכ׳דיקער טרויער.

אין אַלע תקופות
פון אונדזער לעבנס־דויער
באַגלייט ער אונדזערע טריט,
ער לייטערט אונדזערע מחשבות,
ער הייליקט אונדזער געמיט,
אייביקער, יידישער, הייליקער טרויער.

## צעזוניקטע גרינקייט

ביים ראַנד פון וועג
שטייט אַ סטרוניקע, געזוניקטע טאָפּאָליע;
עס טוליען זיך צו איר די קינדער אירע —
יונגע, שלאַנקע, פלאַטערנדיקע ביימעלעך
מיט צווייגן —
אויסגעצויגענע, גרינע, לאַנגע פינגער,
וואָס ציען זיך אַרויף, אַרויף, אַרויף־צו,
זיי בענטשן דאָס גאָלד און דאָס בלוי פונם טאָג,
און שפּרייטן אַרום זיך
אין זייער צעזינגטקייט
מיט פרומער התלהבות —
צעזוניקטע גרינקייט.

מאַטעס דייטש

# מיט קאָפּ און מיט טראָפּ

## (מחשבות אַרום קריטיק)

צוליב וואָס דאַרף מען שרייבן קריטיק? איז עס אַבי צו פאַרקינדיקן דעם שרייבער, אַז עמיצער האָט אים געלייענט? אַז אַ צווייטער שרייבער האָט אים ערנסט אויפגענומען? געמאָלדן דעם רשות הרבים אַז פּלוני בן פּלוני לייענט זיין בוך אויפמערקדיק, טאַקע געלייענט מיט גרויס התמדה? אָדער זאָלן מיר עס גאָר אָנרופן: „נישט בלויז איין מאָל געלייענט, נאָר פּשוט — פאַנאַנדערגענומען לויט די מאָסן און בקיאות פון אַ סך פאָרשונג און דערפאַרונג, וואָס דאָס ווערק פאָדערט פאַר זיך פון דער ליטעראַטור? מיט איין וואָרט, אַזאַ באַרוף־לייענער, וואָס באַזיצט די מעלה פון וויסן ווי „אויפצומאַכן און ווען צו פאַרמאַכן" דאָס בוך וואָס ער צעגלידערט און שטעלט עס צוריק צוזאַמען אין דער שלימותדיקער אָרדענונג, טאַקע ווי נאָר דער גוטער בעל־מלאכה, מייסטער, דער קינסטלער האָט דאָס ווערק אַזוי פאַרעמדיק אויסגעשטאַלטיקט איין־איינציק און דעם געגעבן שרייבערישן רוח־חיים — זיין טעם.

דאָס פאָלק האָט אַ ווערטל: „ער ווייסט ווי אויפצומאַכן אַ טיר"...

אָט אַזוי דאַרף זיין דער קריטיקער — וויסן ווי אויפצומאַכן אַ... בוך.

און דאָס זאָגט אונדז אַלעס: שפּראַך, סטיל, טעמאַטיק און דער עיקר — צו אויפנעמען דעם קינסטלערישן היפּערבאָל פון זיין פּסיכאָלאָגישן אידיאָם.

אפשר צוליב אָט־דעם איינציקן מאָטיוו אַליין איז שוין קריטיק נייטיק, ווי מילך פאַר אינפאַנטילן. נאָר דאַן איז זי באַרעכטיקט ווען זי באַווייזט אַז זי באַזיצט דעם צוגאַנג פון אַריינדרינגען אין אַ ווערק בתכלית היצירה און ניט אַנדערש. זי איז בפירוש נאָר דאַן קאָנסטרוקטיוו גוט שעפעריש ווען זי פירט דורך אָט די פונקציע. קיין שום אַנדערע „איינגערעדטע שליחות פאָדערט קיינער ניט פון איר; ניט דער לייענער, און אַוודאי ניט דער שרייבער. וואָס יאָ? געוויסע צוויגן פון עדר ליטעראַטור ווערן אַמאָל אויסגענוצט פון אידעאָלאָגן — פּאַרטייען.

שלעכט איז די קריטיק ווען זי הייבט אָן גיבן עצות. אָט־די „גאָב" איז פאַלש און פאַרפירעריש פאַר ביידע צדדים. קיינער שאַפט ניט לויט יענעמס עצות. בכלל גלויבט קיינער ניט קיין עצה־געבער; ווייל ווער גיט עס אַוועק אַ גוטע עצה? אַ זיכערדיק לאַטעריי־צעטל?... די גוטע האַלט מען דאָך תמיד פאַר זיך. די בעסטע זאַך איז גראָד צו באַווייזן יענעם וואָס מ'קען אַליין מיט די גוטע עצות אויפטאָן.

הכלל, קיינער האָט נאָך ניט באַוויזן אַז ער קאָן אָטעמען פאַר אַ צווייטן.

און אַ ווערק איז דאָך דער אָטעם פון זיין באַשאַפער. בפרט מיר ווייסן שוין אַז די סאָרט קריטיק פון עצות געבן איז דווקא זייער בנמצא. לכל הדעות ווייזט זיך פיל אַרויס דער פּחד פאַר פרעמדקייט צווישן ביידע צדדים (שרייבערס און קריטיקערס). זיי דולדן זיך ניט מחמת זיי שפּירן דעם אומצוטרוי איינער צום אַנדערן — צוויי וועלטן מיט אַבסאָלוטע אַנדערע מיינונגען.

דער קינסטלער ווייסט אַז עצה־געבער זיינען באַרימט פאַר אויבנאויפיקע לייענערס, וואָס האָבן זיך איינגערעדט אַז זיי זיינען אויך שטיקלעך שעפערישע מענטשן. ס׳איז טאַקע ריכטיק. זיי זיינען שנעלע בעלי־מלאכות; געלייענט און געשריבן; נישט געלייענט און געטראַכט.

קריטיק דאַרף קודם־כל געווינען דעם שרייבער; אים צוריקגעבן זיין ווערק דורך דער עסטעטישער פריזמע און דאַן וועט שוין במילא הערשן שלום צווישן זיי. ווייל דער הרך־ארץ פאַר צוריקגעבן אַ באַשאַף איז תמיד אנערקענט ביים שרייבער. ווייל די גאַנצע אידייע פון שאַפן איז זיך טיילן מיט אַ צווייטן; זיך אָנרעגן פון יענעמס דערפאַרונג; טון זיין אַנדערשקייט.

אָבער ניט „פלאָכע” קריטיק און ניט צערייצטע זיינען מסוגל צו געווינען דעם קרעאַטיוון מענטש ווען זיי ווייזן זיך אַרויס מיט אַן אויבנאויפיקן לויף ביים לייענען. דער שרייבער דערשנאַפּט אַז ס׳איז געלייענט און געשריבן ביי זיי אין דער זעלבער רגע; אינעם ערשטן שלונג נאָך איידער דער פאַרדייאונג. און די־אָ שנעלקייט גיט אַלעמען: קריטיקער, שרייבער און לייענער — בויכווייטיק.

אָבער ווען קריטיק דערגראָבט זיך צו מער טיפקייט (אַמאָל טוט זי עס, ווען זי בעמט זיך געננוג צייט) דערפילט עס טאַקע דער שרייבער; ער דערזעט אַז דער קריטיקער איז גאָר געוואָרן היימיש אין זיין ווערק; ער איז באַקאַנט מיט אַלע ווינקעלעך, מיט אַלע טעכנישע און קינסטלערישע המצאות און אַנדערש־קייטן. דערצונאָך ווערט ער שטאַרק איבערצייגט, אַז יענער איז גאָר באַווירקט געוואָרן פון זיינע מחשבות, דעם מחבר׳ס מעדיטאַציעס; אַז ס׳איז דאָ אַ מיט־שאַפער צו זיין ווערק; אַ מיטוואוינער אין זיין וועלט; נאָר אַזאַ איינער, וואָס פאַרבלייבט אין איר ווי אַ תושב צוזאַמען מיט דער שריפט, מיט זיין סטיליסטישן אלף־בית — פאַרמשפּחהוועט מיט אַלעם וואָס דערין געפינט זיך.

דעמאָלט וועט קיינער שוין ניט פרעגן: צוליב וואָס דאַרף מען קריטיק? זי איז בפירוש געוואָרן אַ טייל פונעם ווערק, פונעם שרייבער — פון זיין וועלט.

נאָר אויף אָט־דעם אופן קאָן שרייבער און קריטיקער ריידן מכוח אין שותפות און אויף איין שעפערישן לשון אַזוי קאָנקרעט, אַז דער לייענער זאָלביידן נאָכפאָלגן און גלויבן ביי זיך אַז זייער שרייבן איז אַ באַגלויבט און געערעכט שרייבן.

אוודאי וואָלטן נאָך אַלץ געוועזן קאָנפליקטן צווישן שרייבערס און קריטי־קערס, אָבער על כל פנים, אַן דער שטעכיקער שאַרפקייט פון: גירא בעינא דשטנא! מע וואָלט זיך געקוקט גלייך אין די אויגן.

## נאָטיצן אויף מיין שרייב־טיש

אַ סך נאָטיצן האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף מיין שרייבטיש. איך לערן דער־פון — מיין מוח באַנעמט עס אין פולן זינען — וואָס פּע מיינט אין די חסידישע פאָלקס־מעשהלעך; דער סימבאָל פון זייער פאָלקלאָר:

נשמהלעך רינגלען אַרום דעם כסא־הכבוד און וואַרטן אויף זייער ריי אַראָפּגעשיקט צו ווערן אויף דער ערד אַראָפּ; באַשאַפן ווערן אין מענטשלעכע געשטאַלטן . . .

* * *

צופיל נאָטיצן האָבן זיך אָנגעקליבן אויף מיין שרייבטיש. זיי וואַרטן שוין צו לאַנג כדי צו פאַרקערפערט ווערן אין גאַנצע ווערק פאַר זיך גופא. ווי עס האָט זיך מיר לכתחילה, ביי זייער ערשטן בליק פון זייער דערשיינען, אויסגעוויזן, אַז איך וועל ביד האָבן אויסצושטעלן ווערק דורך זייער בלויזן דערמאָנען מיר אָט יענעם ע ר ש ט ן ב ר י בשעת די אינספּיראַציע האָט מיך איינגעוויקלט אין איר פאַרכאַפּטקייט און מיין חזיון האָט מיר פאַראויסגעזאָגט פולע ווערק...

נאָר צווישן יענעם מאָמענטאַלן אויפבליץ ביזקל דעם איצטערט־אָ, ליגט אַ היפשער מהלך; דער אינטערוואַל האָט אָפּגעמעקט און פאַרפּרעמדט די טעמעס וואָס איך האָב, צום באַדויערן, נישט מקיים געווען זיי אויסאַרבעטן לויט מיין חיוב צו די נאָטיצן.

פאַרפאַלן !

זיי ליגן ווי פסולע מזוזות. און וואָס איך זאָל מיט זיי נישט וועלן טאָן, ווערט דוכט זיך מיר, אַרויסקומען נישט מער ווי קליינע עברהלעך.

יאָ, אפשר קען זיך מרי נאָך איינגעבן אויסצונוצן אייניקע פון זיי בעתן שרייבן און עס וועט זיך אַן עפנטאָן אַ טירעלע אַזוי, אַז איינס אָדער צווי וועלן נאָך קומען צום לעבן; אַלע, לכל הדעות, זאָל בהרחבה ווערן זעלבסטשטענדיקע ווערק איז שוין אַן אוטאָפּיע. צו פאַרקילט זיינען זיי שוין געבליבן — אייז־צויטן.

דאָס זיינען מעשים בכל יום; כמעט אַ שעפעריש פּראָבלעם ביי איטלעכן וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט. אפילו דער בורא העולם איז אַרומגערינגלט מיט פאַרשיידענע אָנגעהייבענע ע ר ש ט ע אָנהייבן.

נאָטיצן, ווי נשמות, רייסן פונעם מחבר׳ס געוויסן אַחריות : פאַרגאַנץ אונדז, באַשעפער; פאַרענדיק אונדזער לעבן; גיב אונדז צלם היש! מיר ווילן אָנהייבן לעבן.

פון וואַנענד נעמט זיך עס, וואָס עס ווערט אַזאַ ת ה ו ם ממש צווישן יענעם ערשטן בליציקן אָנהייב און דעם איצטיקן שפּעטער? ווער איז עס מסוגל צו דערקלערן. ס׳איז נאָר דאָ איין תירוץ: אָפּלייגן ! אָפּלייגן אויף שפּעטער!

אָפּלייגן שרייבן אויף שפּעטער, איז ט אַ ב ו !

דער תירוץ — שפּעטער, איז אַ פוילער תירוץ. דער וואָס לייגט אָפּ, איז אָדער אַ פוילער, אָדער, ווי עס זאָגט זיך אַ פאָלקס־ווערטל — אַ קאַלטער מלאך. און פון אַ קאַלטן מלאך ווערט אַ גלח. אינספּיראַציע לייגט מען ניט אָפּ. זי דאַרף גלייך קריגן איר אויסדרוק; אונטער אַלע אומשטענדן; זיי מעגן זיך זיין די ערגסטע קעגנזייטיקע סיבות — אינספּיראַציע מוז מען תיכף מקיים זיין, אַז ניט איז זי ווי יין נסך...

נאָטיצן, נאָטיצן. אפשר וועלן זיי זוכה זיין מגולגל ווערן אין „מאַנדלברויט־יידיש״? דאָרט איז די וועלט אין מיניאַטור, וואָס איז אין נוסח ווערטל, אַפּאָריזם, סענטענצן און זאָגעכצער.

נאָטיצן, נאָטיצן. אפשר איז אייך באַשערט צו לעבן בלויז אַ פּערטלדיק צי ווערטלדיק לעבן אויפן ליטעראַרישן עולם האמת ?

לעבן. ס׳איז גוט ביי דיר — אַבי לעבן. לעבן. לעבן.

ח. באַרקאַן

# אין אַ מיטן נאַכט

אין אַ מיטן נאַכט. פּלוצים: אַ שטוב, אַ צוים,
ס׳וויקלט דאָס האַרץ זיך אין פלאַמען.
און אָט זע איך פון פאַרנט אַן אַלטן בוים —
דאָס שטיבל פון מיין טאַטע-מאַמע.

אַ הייזקעלע, פונקט ווי כ׳האָב עס איבערגעלאָזט:
דאָ דער טיש, דאָרט די שפּייז-שאַפע שטייט.
אָט הענגט נאָך דער לאָמפּ מיט די קייטן מיט ראָסט,
און איך שטיי אַ פאַרגאַפער, אָן רייד.
די מוטער זיצט ביים טיש, פון ברויט ניט אַ צייכן,
און זי לייענט אַ בוך פון שלום-עליכם.

דו שמייכלסט נאָך, מאַמע? — כ׳טו שטיל אַ זאָג —
נאָכן צאָרן פון פייער און שווערד?
— מיין זון, דעם נעכטן דער היינט ער טראָגט,
איז מיין ניט אַז כ׳בין צעשטערט.
פאַרבאָרגן אַזוי כ׳גיי אַרום איבער ערד
מיטן ספר, צו באַזיגן די שווערד.

אין אַ ווינקל — דער פאָטער. „גוטן אָוונט" איך זאָג.
— וואָס טוסטו, טאַטע? — כ׳בין גרויל און פלאָג:
איך חלום פון אונדזערע קדושים.
מ׳מיינט דאָך זיי ליגן אין די גריבער;
נאָר ווי די קולות אויפן סיני איבערן קאָפּ פון משהן,
אייביק שטורעמס זיי טראָגן אין די שטיבער.

האָב געוואָרפן אויפן שטיבל אַ לעצטן בליק,
און בין געגאַנגען צוריק
פון וואַנען כ׳בין געקומען,
צו לעבן מיטן לעבעדיקן פאָלק צוזאַמען.
און האָב מיטגענומען —
מיין טאַטע-מאַמען.

---

שיקט אַריין אייער אבאָנענטן אָפּצאָל
טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

י. פרידלאַנד

# ביים ברעג ים

(דערציילונג)

ס'איז געווען אין איינעם פון די הייסטע יולי־טעג. די היץ אין שטאָט איז ניט געווען אויסצוהאַלטן; ס'האָט אַלעמען כמעט געטריבן פון די הייזער צום ים צו; אָפּצוכאַפּן אַביסל דעם אָטעם, איינזאַפּן אין זיך אַביסעלע קילע ים־לופט. דער גאַנצער ברעג פון ים איז געווען באַלאַגערט מיט קאָלירטע זון־שירעמס און אונטער די שירעמס זיינען געזעסן און געלעגן געדיכטע קופּקעלעך מיט מענער, פרויען און קינדער.

מיר זיינען געזעסן אַ קליינע גרופּע, מענער און פרויען, ניט ווייט פון ברעג ים, אויך אונטער אַ זון־שירעם, און געמיטלעך פאַרבראַכט צווישן זיך, אין שמועסן איבער פאַרשיידענע פּערזענלעכע און אַלגעמיינע ענינים.

מאַרקוס, אַ מאַן אין די פערציקער, אַן עקסצענטריש־ברויזנדיקע נאַטור, וואוילער לעבעיונג, האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן, אַריינפאַלנדיק אין דעם געשפּרעך:

— יאָ, אַנטקעגן וואָס איר זאָגט, נ אַ ק ע ט ק י י ט, נאַקעט לייב, און וואָס ביים ים ווערט די בושה איינגאַנצן ווי פאַרשוואונדן. די זעלביקע פרוי, וואָס אין שטאָט, אין איר אייגן הויז, ווערט זי כמעט ווי היסטעריש און ציטערט אויף פאַר שרעק בלויז ביים אָנבליק פון אַ פרעמד מאַנסבילס אויג אויף איר נאַקעטקייט, ווערט זי אָבער דאָ, ביים ים, איינגאַנצן אַנדערש: דאָ פילט זי זיך איינגאַנצן פריי, איז כמעט חוה־נאַקעט און ס'אַרט איר לחלוטין ניט די מאַנסביל־בליקן און דער אויפמערק פון די ים־באַזוכער...

— אָבער ניט דאָס בין איך אויסן: דער איצטיקער שמועס האָט מיר בלויז דערמאָנט וועגן אַ זאַך, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר, אויך אין אַזאַ הייסן טאָג, ביים ברעג פון ים. אַ זאַך וואָס איך קאָן דאָס עד־היום ניט פאַרגעסן, און וואָס האָט מיר אַ צייט לאַנג ניט ווייניק באַאומרואיקט און פאַרפּאַלגט.

מיר האָבן אַלע אָנגעשפּיצט אונדזערע אויערן, אים אויסצוהערן. מחמת מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז אָט־דער מאַרקוס האָט צו דערציילן זייער אינטערע־סאַנטע און פּיקאַנטע עפּיזאָדן און, ניט ווייניק דערפאַרונגען פון זיין אייגן לעבן...

— אדרבה, דערציילט, דערציילט — זיינען אַ צאָל פון דער גרופּע צו אים צוגעשטאַנען.

— געווען איז דאָס — האָט ער אָנגעהויבן אויף זיין אינטימען שטייגער צו דערציילן — אויך אין איינעם פון אַזעלכע הייסע יולי־טעג. כ'בין מיר געלעגן אַזוי פריי און זאָרגלאָז ביים ברעג ים, מיט אַן אינטימער גרופּע יונגע מענער און פרויען און געמיטלעך געשמועסט, אָט אַזוי ווי איצט, איבער פאַר־שיידענע זאַכן. פּלוצלונג איז מיין אויג געפאַלן אויף אַ שיין־געפורעמטע פרויען־פוס. די באַזיצערין פון דעם ראָזן־שיינעם פוס איז געווען איינע פון דעם קרייז, וועלכע די מערסטע צווישן אונדז האָבן איר באַטראַכט פאַר אַ שיינהייט: חוץ איר שיין פּנים איז זי טאַקע אויך קערפּערלעך געווען פאַלקאָמען; שלאַנק, גראַ־ציעז און בויגיק, און כאָטש זי איז שוין געווען באַלד אין די מיטעלע יאָרן, האָט

זי אָבער נאָך אַלץ ניט פאַרלוירן איר יונג־פרוילעכן צויבער, איר מיידלשע רירעוודיקייט און רייץ. אָבער, ניט איר שלאַנקייט און גראַדליניקייט פון איר שיין־געפורעמטן פוס האָט מיר דאָס מאָל פאַראינטריגירט און געצוואונגען מיין גאַנצן אויפמערק, נאָר גאָר, גאָר עפּעס אַנדערש.

— אַ בלוי־בלוט־פאַרלאָפענער צייכן אויף איר פוס, אפשר אַ צאָל און און אַ האַלב די גרויס, האָט מיין אויג פלוצלונג באַמערקט און דווקא אויף דעם סאַמע ווייכן פלייש פון איר רעכטן פוס.

אָט־דער קליינער איינגעביסענער בלוט־צייכן האָט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּט. מיין אויג איז שוין די גאַנצע צייט פון דעם פונקט ניט אָפּגעטראָטן. כ׳ווייס ניט צי מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט אין יענעם מאָמענט, אָבער כ׳האָב געמעגט שווערן, אַז איך האָב געזען ביי איר דייטלעכע סימנים פון ציין־איינבייסעניש אין דעם דערמאָנטן אָרט פון איר פוס...

אַלזאָ, מיין געדאַנק און פאַנטאַזיע האָט פּיבעריש אָנגעהויבן אַרבעטן און נאָכאַנאַנד צו טראַכטן וועגן דער וואַרשיינלעכער סיבה אָדער סימפּטאָם פון אָט־דעם בלוט־פאַרלאָפענעם צייכן אויף איר פוס. מיין השערה האָט מיר אונטער־געזאָגט, אַז אָט־דער קליינער, אין פלייש ציין־איינגעביסענער, בלוי־בלוט פאַר־לאָפענער צייכן, אויף איר שיין־געפורעמטן וויס־אַלבאַסטער פוס, איז אַ שטומער עדות פון אַ לעצט־נאַכטיקע אינטים־ליידנשאַפטלעכע איבערלעבונג... אָט־דער צייכן אויף איר פוס האָט מיך מוראדיק באַנומען און באַרוישט. ניט געהערט האָב איך שוין מער די רייד פון די אַרום מיר זיצנדיקע; טויב זיינען געוואָרן צו מיר די איינטאָניקע שטורעמדיקע כוואַליעס פונעם ים...

אויפן מאָמענט האָב איך מיר ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט־דער צייכן אויף איר פוס זאָל בלענדן פאַר מיינע אויגן גאַנצענע טעג און נעכט פון מיין וואָך זיין און מיך ניט לאָזן צורו. כ׳האָב מיך אָנגעהויבן פאַרצוואַרפן, טענות געהאַט צו זיך אַליין: פּרא־אדם וואָס דו ביסט, וואָס באַשעפטיקסטו זיך גאָר אינגאַנצן מיט דעם!? און וואָס גייט דאָס דיר אָן?... אָבער, ס׳האָט ניט געהאָלפן מיינע אייגענע מוסר־רייד; יעדעס מאָל וואָס איך האָב פון איר אַ טראַכט געטאָן — און געטראַכט פון איר האָב איך זייער אַ סך — איז פאַר מיר אָט־דער בלוי־בלוט פאַרלאָפענער צייכן, מיט די איינגעביסענע ציינער, בולט דערשינען און מיך שוין באַהערשט אינגאַנצן...

כ׳האָב ניט געוואוסט, צו וואָס זאָל איך דאָס צושרייבן; וואָרום דאָס האָט אַזוי באַשעפטיקט מיין מוח. צי איז דאָס אפשר מחמת דעם וואָס איך אַליין בין צו דער פרוי ביז גאָר אינגאַנצן גלייכגילטיק געווען, אָדער דער בלויזער טראַכטן וועגן דעם און די פאַנטאַזיע וואָס ס׳האָט זיך געמאָלן פאַר מיר, פון אַ ווילד־ליידנשאַפטלעכע אַרגיע, האָט מיין סענסועלן געפיל און געמיט אַזוי שטאַרק באַאומרואיקט און דענערווירט...

אמת, מיר איז ניט אינגאַנצן פרעמד געווען אַזאַ איבערלעבונג, און, ס׳איז פאַר מיר געווען פאַרשטענדלעך דער ליידנשאַפטלעכער אויפברויז פון צוויי סענסועלע געזונטע, מאַן און פרוי... דער איבערגייענדיקער פּראָצעס צווישן אַ ליבנדיק פּאָרל, פון צערטלעכע קושן, הייסע אומאַרמונג, ביז — ווילדן עקסטאַז פון איינבייסן אין פלייש, ביז ווי טאָן...

אַזוי צי אַזוי, כ'בין אינגאַנצן געפּאַנגען געווען פון יענעם עפּיזאָדישן אַנבליק און ס'האָט מיר ממש ניט געגעבן מער קיין רו... ביי דער באַגעגעניש מיינע מיט יעדער סימפּאַטישער פרוי, פלעגט מאָמענטאַל אַרויפשווימען פאַר מיר דער בלוט-צייכן פון יענער פרויס פוס...

כ'האָב אָנגעהויבן צו זוכן אַנאַלאָגיעס פאַר מיין ווילדער השערה און פאַנ-טאַזיע; כ'האָב געפּרובירט מאַכן פאַר זיך דערקלערונגען און געזוכט אָפּצו-שוואַכן דעם איינדרוק מיינעם און אָנגעהויבן ספקן אין דעם גאַנצן... אפשר, האָב איך גאָר געמאַכט אַ טעות, און מיין השערה איז גאָר אינגאַנצן ניט קיין ריכטיקע; אפשר איז דער בלוט-צייכן אויף איר פוס גאָרניט די סיבה פון דעם, וואָס מיין זינדיקע פאַנטאַזיע האָט פאַר מיר אויסגעמאָלן?... אפשר איז דאָס גאָר אינגאַנצן אַ קערפּערלעכער מום אַזאַ, אַ נאַטירלעכער בלוט-פלעק, פון אַנאַנדער פיזישער סיבה און האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט דעם, און וואָס כ'בין זיך משער?! ניין, ס'מוז זיין אַן איינרעדעניש מיינע, אַ פּראָדוקט פון אַן אָנגעשטרענגטער פאַנטאַזיע; ס'איז ניט מער ווי אַ טעות און אַ זעאונג פון אַ ביוראָטיקער...

מאָמענטנווייז פלעג איך אַריינפאַלן אין אַזעלכע ספקות. כ'האָב דעריבער געזוכט די פּאַסיקע געלעגנהייט נאָכאַמאָל צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער פרוי אין דער קליינער געזעלשאַפט, אונטער די זעלביקע באַדינגונגען, טאַקע ביים ברעג ים, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט נאָכאַמאָל צו באַאָבאַכטן דעם פּונקט, איבער וועלכן מיין גאַנצע שטימונג און געמיט איז אַזוי שטאַרק צערודערט געוואָרן. אויסער דעם, האָב איך טאַקע געוואָלט באמת זיך איבערצייגן, צי מיין השערה איז געווען אַ ריכטיקע אָדער אַ פאַלשע... אויף דער געלעגנהייט האָב איך געוואַרט מיט דעם גרעסטן אומגעדולד: מיר איז דאָס שוין געגאַנגען ממש אין לעבן! כ'האָב געוואָלט, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זיך איבערצייגן און דורך דער איבערצייגונג וועל איך ענדלעך קענען באַרואיקן מיין צערודערטן געמיט-צושטאַנד.

איך האָב אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַ גענויעם פּלאַן און אַ טעאָריע:

ווען איך נאָך טרעפן אָט יענעם, ציין-איינגעביסענעם, בלוי-בלוט פאַר-לאָפענעם צייכן אויף איר פוס; אויף דעם זעלביקן אָרט, אין דער זעלביקער פאָרם און גרויס; דאַן דאַרף דאָס זיין פאַר מיר אַן איבערצייגטער סימן, אַז ס'איז ניט מער ווי אַ קערפּערלעכע דערשיינונג אָדער סיבה, ניט פאַראורזאַכט פון עמיצן!... דאַן איז מיין השערה אַ ווילד-משונהדיקע פאַנטאַזיע און ניט מער ווי אַ קראַנקע איינרעדעניש... ווען זיך אָבער אַרויסווייזן, אַז פון דעם בלוט-צייכן אויף איר פוס ביי יענעם אָרט, איז שוין אפילו קיין זכר ניט געבליבן, אָט ווי גאָרניט געווען!... דאַן וועט דאָס זיין פאַר מיר אַ קלאָרער באַווייז, אַז מיין זעאונג איז ניט געווען קיין פאַרבלענדעניש אָדער אַן איינרעדעניש; נאָר מיין פריערדיקע השערה איז געווען אַ ריכטיקע און אַ באַרעכטיקטע...

אַזוי צי אַזוי, כ'האָב דאָס שוין געוואָלט איבערקומען; כ'בין ממש שוין מיד און דערשעפּט געוואָרן פון דעם גאַנצן געדאַנקען-פּלאָנטער און שפּיל...

הכלל, די שעה, דער מאָמענט האָט זיך דערנענטערט, ווען כ'וועל מיר שוין ענדלעך קענען איבערצייגן. ס'איז ווידער געווען אַ הייסער זומער-טאָג, און די זעלביקע אינטימע גרופּע פריינט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און אַרויסגעפאָרן

צום ים־ברעג, און ווידער, ווי געגעוויינלעך, אין באַד־קאָסטיומען, זיך רחבותדיק צעלייגט אויפן זאַמד נעבן ברעג פון ים...

כ׳ווייס ניט צי די פריינט מיינע פון דער קליינער גרופּע האָבן עפּעס באַמערקט אין מיר אַ געוויסע ענדערונג; כ׳ווייס ניט צי די פריינט פון דער קליינער גרופּע האָבן עפּעס באַמערקט אָט־די ענדערונג; איך ווייס ניט צי זיי האָבן געפילט מיין נערוועזיטעט אָדער אומרואיקייט — איך האָב אָבער יאָ געפילט, אַז איך בין באַהערשט געוואָרן אינגאַנצן פון מיין וועזן.

כ׳האָב בכיוון אויסגעקליבן פאַר זיך אַ פּאַסיקע און באַקוועמע פּאָזיציע פאַר מיין אָבסערוואַציע און אַנאַלאָגיע; כ׳האָב אָנגעהויבן לויערן, אַזוי צו זאָגן, אויף מיין „קרבן" אין דער שטיל; ניט איבערציען אויף זיך דעם אויפמערק, האָב איך צוביסלעך אָנגעהויבן מיין אויגן־וואַנדערונג איבער איר, באַזונדערס, נאַטירלעך, אויף דעם אָרט וואו כ׳האָב לעצטן מאָל אָט־דעם בלוי־בלוט־צייכן באַמערקט...

* * *

— אָבער....

אומזיסט!... אומזיסט איז געווען מיין אָנשטרענגונג, אומזיסט מיין וואַנדערנדיק־זוכנדיקע בליקן איבער איר קלאָר־וויס־ראָזיק לייב, פון איר פוס, ס׳איז פריי געווען פון וועלכן ס׳איז פּגם, קיין פּגימה, קיין זכר פון דעם, אויף וואָס מיין אויג האָט זיך אַזוי גיריק לעצטנס אָפּגעשטעלט און וואָס איז געוואָרן די עיקר־סיבה פון מיין צערודערט געמיט פאַר אַ לאַנגע צייט...

אַן אומצופרידענער, אַ דענערווירטער, און כמעט אַן אנטוישער האָב איך געמוזט אויפגעבן מיין אומזיסטע אָנגעשטרענגטע זוכעניש...

* * *

פריי אָבער פון מיין געדריקטן געמיט און געריצטקייט בין איך נאָך אַלץ ניט געוואָרן... אין מיין קאָפּ האָבן זיך נאָך אַלץ געפּלאָנטערט כלערליי זינדיקע מחשבות. אַ פיינלעך איפּערדיכטיק געפיל האָט מיך ערשט נאָכדעם אויפסניי אָנגעהויבן נאָגן, דריקן און פּאַרפּאָלגן... כ׳בין געבליבן ווי פריער, מיט די זעלביקע ספקות און מחשבות — דאָך ניט אינגאַנצן זיכער מיט מיין היפּאָטעזע בנוגע דעם...

מיט דער צייט האָב איך צוביסלעך אָנגעהויבן פּאַרגעסן די פרוי, וועגן וועלכער כ׳האָב אַזוי פיל געטראַכט. פאַר אַ צייט לאַנג האָב איך אַן דעם פאַרגעסן, ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס די צייט פאַרדעקט, און אויך דער סודות־פולער עפּיזאָד מיינער אָפּגעווישט געוואָרן פון מיין זכרון...

מיט אַ צייט שפּעטער איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זיין אין אַן ענגער געזעלשאַפט פון אינטימע פריינט, מיט דער זעלביקער פרוי, וואָס איז געווען דער אָביעקט פון מיין גאַנצן אויפמערק צו איר און אויך די סיבה פון מיין פריער־דערמאָנטן געמיט־צושטאַנד... מ׳האָט געשמועסט אין אָט־דער קליינער געזעלשאַפט אין יענעם מאָמענט וועגן אַן אינטימען און פּיקאַנטן ענין: וועגן ליבע־באַציאונגען און די אַזוי־גערופענע ליבע־שפּילערייען צווישן מאַן און פרוי...

— יאָ, ס'איז אַ גוואַלדיקער חילוק — האָט באַמערקט איינער פון די מיט־שמועסער — אין דער טעמפּעראַטור פון אַ קוש פון אַ פ ר ע מ ד ע ר פרוי, צי פון דעם אייגענעם מאַן צו זיין א י י ג ע נ ע ר פרוי!

דערויף האָט אַ צווייטער באַמערקט, אַז ניט כסדר איז עס אַזוי דער פאַל! ס'הענגט אָפּ פון אַ סך פאַקטאָרן — פּסיכיש־עמאָציאָנעלע. ווי שטאַרק דער באַטרעפנדיקער מאַנסביל האָט ליב זיין פרוי, און קאָן בכלל ליב האָבן; און אויך אין דעם זוי ווייט זיין „טעכניק", אַזוי צו זאָגן, זיינע גרייכט אין דער קונסט פון ליבע...

— און וואָס וועט איר זאָגן אויף איינעם, וואָס ניט נאָר קושט ער די פרוי זיינער, מיט אַ הייסער טעמפּעראַטור, ווי איר האָט באַמערקט, נאָר פון זיינע צערטלעכע קושן גייט ער מאַנכעס מאָל איבער צו ליידנשאַפטלעכן „בייסן?" — האָט מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן די פרוי, פון וועלכער כ'האָב אַזויפיל געטראַכט און פאַנטאַזירט, און פון וועלכע כ'האָב אַ צייט לאַנג אַרומגעטראָגן זיך מיט וויזיע פון אַ מאַנסבילשן ביס־צייכן אויף איר פוס, וואָס האָט אַזוי העל געבלענדט פאַר מיינע אויגן...

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָבן די לעצטע ווערטער מיך אַרומגענומען און מיך גוואַלדיק באַרוישט... פאַר מיר איז מיט אַמאָל אַרויפגעשוואומען דאָס לאַנג־פאַרגעסענע בילד. ס'איז איצט פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז די דאַמאָלסדיקע השערה מיינע וועגן דער פרוי איז ניט געווען אַ פּועל־יוצא פון מיין קראַנקער פאַנטאַזיע, וואָס איך האָב מיר אַליין געוואָלט איינריידן, נאָר אַן אמתער פאַקט — אַ רעאַליטעט...

* * *

אַן אומרואיקייט האָט מיך ווידער באַהערשט און ווידער אַרויסגערופן ביי מיר די זעלביקע פריערדיקע געפילן, אומעטיקע שטימונגען, וועלכע האָבן נאָר אויף אַ געוויסער צייט אין מיר געהאַט איינגעדרימלט...

**דוד אָפּאַלאָוו**

## אין געזעלשאַפט פון בוימער

איך האָב ליב די עלעגאַנטע
געזעלשאַפט פון בוימער
אין פרילינג, זומער
און אפילו אין
האַרבסטיקן וועטער.
זיי טראָגן פּרעכטיקע מאַנטיעס
פון פיין געשניצטע בלעטער
און זיינען שטאָלצע,
ווי אַנטיקע גריכן און רוימער.

עליע ווערבלון (ישראל)

# פיר קליינע לידער

## א

כ'האָב אַרויסגעקוקט פון פענצטער:
אויסער זון און בלויען הימל
האָב איך גאָרנישט ניט געזען.

כ'האָב אַריינגעבליקט אין האַרצן:
אויסער רו און שטילער דרימל
איז דאָרט גאָרנישט ניט געווען.

## ב

ס'פאַרגייט די וועלט אין לאַנגווייליקן טרויער,
פון אייביק אָן אַזוי, אין וויסטן גאַנג.
צו קיינעם רעדט זי רייד,
ביי קיינעם זוכט באַדויער.
אַליין איז זי. — און שוואַרץ איז דער געזאַנג
וואָס אייטערט פון איר האַרץ.

## ג

מיט וועלכן האַמער, אָ, מיט וועלכן
זאָל איך שלאָגן אין מיין שטייניק האַרץ,
עס זאָל אַרויס אַ פונק פון פרייד
אין ווילד-וואַלד פון קאָשמאַר!?

## ד

די רואיקע פרייד ז'ווי אַ שפּעטע בליאונג אין האַרבסט.
זי קומט און דו ווייסט ניט פון וואו און פון וואַן.
נעכטן איז אַלץ געווען שוואַרץ ווי אַ כמאַר,
מיט פינצטערע קוסטעס באַשטעלט יעדער טריט יעדער שפּאַן.
און היינט — היינט האָט אַ ווינטל, ווייס ווי אַ שוואַן,
אין לופטן געיאָנטעוועט — באַהאָפן דאָס בלוי פון דעם הימל
מיט ווייסע וואָלקנדלעך סתם.

---

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון“
אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר

יצחק פאנער (בת־ים, ישראל)

# די ערשטע און לעצטע בריוו

## (צו דעם 8טן יאָרצייט פון שלום אַש)

דעם 18טן יוני, 1957, זיינען די אַשס אָפּגעפאָרן פון זייער לעצטער היים אין בת־ים קיין לאָנדאָן צו זייער טאָכטער („אויף עטלעכע וואָכן — האָט מיר אַש געזאָגט — בלויז איבער די ימים־טובים"). דעם 27טן האָב איך פון אים באַקומען דאָס ערשטע פּעקל מאַנוסקריפּטן און דעם ערשטן בריוו (לופט־פּאָסט, רעקאָמענדירט). אין פּעקל — זיבן קאַפּיטלעך פון ראָמאַן „יעקב און רחל." װעגן „אברהם און שרה" — קיין וואָרט.

ביז צו אַש'ס אָפּפאָרן קיין לאָנדאָן זיינען פאַרטיק געוואָרן 14 קאַפּיטלעך פונעם צווייטן טייל „יעקב און רחל", פון זיי די לעצטע פינף קאַפּיטלעך — בלויז וועגן „אברהם און שרה". אין זעקסטן קאַפּיטל שילדערט אַש ווי אין יעקב'ס הויף אין חרן טרעט אויף דער אַלטער דינער שלמואל, וועלכער האָט נאָך געדינט ביי אַברהמען. רבקה שיקט דעם דינער אין אַ שליחות צו יעקבן, און אויף איר וואונטש בלייבט שוין דער דינער אין יעקבס הויז. ער פּאַשעט יעקבס שאָף און דערציט זיינע קינדער צו ווערן גוטע שעפער. און דער אַלטער דערציילט פאַר יעקבס קינדער די לעבנס־געשיכטע פון זייער עלטער־זיידן אַברהם.

קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל דערציילט דער דינער די געשיכטע פון אברם און שרי אין אור. דער בילדעריש־דערציילערישער שטראָם האָט אַשן אַזוי מיטגעריסן, אַז ער האָט אים מער נישט געקענט האַמעווען. האָט ער באַשלאָסן אַוועקצולייגן דערווייל די ערשטע 9 קאַפּיטלעך פון פריערדיקן ראָמאַן און שאַפן אַ נייעם — „אַברהם און שרה." און אין זיין ערשט בריוו — קיין וואָרט דערפון!

נאָך דעם לאַנגן „געשעפטלעכן" טייל, שרייבט מיר אַש:

מיר האָבן נישט געהאַט קיין גוטע רייזע קיין לאָנדאָן. מיר האָבן פאַרלוירן אַ זאַק מיט אַלע אונדזערע שיך. מיין פרוי גלויבט, אַז מיר האָבן דעם זאַק מיט שיך איבערגעלאָזט אין דער היים. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט אַרומצוקוקן זיך וועגן אונדזער געפּעק אין לוד. מיר זיינען אָנגעקומען צו שפּעט און עס האָבן געוואַרט אויף אונדז פיל מענטשן, וועלכע האָבן צוגענומען מיינע חושים. איצט גייען מיר בלויז אין די שטעקשיך און וואַרטן אַז מיר זאָלן באַקומען אַ פּאָר שיך פון אַ שוסטער.

איך האָב פאַרטיק ביז קאַפּיטל 12, נאָר איך וואַרט ביז איך וועל באַקומען פון אייך אַ ידיעה אַז איר האָט דערהאַלטן זיבן קאַפּיטלען. שיקט מיר אַ טעלע־גראַמע. איין וואָרט: דערהאַלטן. וואָרעם איך וועל נישט רואיק זיין ביז איך וועל נישט באַקומען פון אייך דעם טעלעגראַם. און שרייבט מיר, אויב איך זאָל אייך דעם מאַטעריאַל שיקן דירעקט, אָדער צו בן־ארי?"

זיין צווייטן בריוו האָב איך באַקומען דעם 4טן יולי, זעקס טעג פאַר זיין טויט. ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„ליבער פריינד פאנער:

באקומען אייער לאנגן בריוו מיט דריי איבערגעשריבענע קאפיטלען. איך באדויער זייער וואס איר האט געבעך געארבעט בחינם. איר זאלט וויסן א כלל ביים שרייבן: אזוי לאנג ווי דער מאנוסקריפט געפינט זיך נישט אין דרוק, האט דער שרייבער א חוב (?) און אויך א רעכט דעם מאנוסקריפט איבערצוארבעטן. א מאנוסקריפט איז דאך נישט קיין בוך. איר זאלט זיך נישט וואונדערן וואס איך האלט אין איין ענדערן. דאס איז מיין טבע פון שרייבן. ווען איר ווילט מיר העלפן, מוזט איר נאכגיין מיינע טריט.

אלזא צום ענין:

עס איז אמת וואס איך האב אייך געזאגט אז איך האב אין זינען צו שרייבן א נייעם ראמאן.

איך האב אהיימגענומען דעם צווייטן טייל און האב אים איבערגעקוקט, און האב איינגעזען אז איך דארף דעם מאטעריאל איבערארבעטן. די ערשטע זעקס קאפיטלען זייענען גוט, האב איך זיי פאררעכט און אייך באלד ארייננגעשיקט. עס איז געווארן דערפון זיבן קאפיטלען.

איך האב שוין נאך זיבן קאפיטלען. אבער די נייע קאפיטלען באשטייען פון א גאנץ א נ ד ע ר ן מ א ט ע ר י א ל. גאנץ נייע פון דעם וואס איך האב איבערגעשריבן. איר מוזט דאס אינגאנצן אויפסניי איבערשרייבן. ע ס ו ו ע ט א י צ ט ז י י ן א י י נ א י י נ צ י ק ב ו ך: „יעקב און רחל." און דאס מאטעריאל וועגן „אברם און שרי" אין א גאנץ אנדער פארם, וועט ווערן ארייננגענומען אין בוך פון „יעקב און רחל."

אלזא וואונדערט זיך נישט וואס איך האב נישט געשאנעוועט מיינע כוחות, און דורך דער גאנצער צייט וואס איך בין דא, האב איך געארבעט דערויף סיי בייטאג און סיי ביינאכט. מוזט איר מיר נאכגיין. איך שרייב א בוך און דאס בוך מוז ארויסקומען ווי א י ך וויל. דאס איז, מיין פריינד, נישט קיין „שטיק־ארבעט." איר קענט זען וויפיל ארבעט עס ווערט ארייננגעבראקט אין א בוך. אלזא, פארגעסט אין דעם וואס איר האט איבערגעשריבן. דאס אלעס וועט גיין פארלוירן.

די זיבן קאפיטלען פון צווייטן טייל האט איר ביי זיך. שרייבט זיי איבער א ו י פ ס נ י י. אין 3 עקזעמפלארן. ווען איר וועט מיר ארייננשיקן (צו) איין עקזעמפלאר פון די זיבן קאפיטלען, וועל איך אייך דורך דער צייט ארייננשיקן נאך 7 קאפיטלען.

...דאס בוך וועל איך פארענדיקן דורך דעם זומער."

אזוי זיכער איז אש געווען אז ער וועט דעם ראמאן פארענדיקן אין משך פון דעם זומער, אז ער האט אפילו נישט געשריבן „בלי נדר", אדער „אם ירצה השם", אז גאט וועט ווערן...

---

## יידישער לייענער!

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אפ נאר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אז ס'איז זייער נויטיק דא א שריפט אין יידיש—באווייזט עס מיט מעשים. ווערט א מיטבויער און אבאנענט פון „חשבון"—די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאס אנגעלעס.

מעינקע קאַץ

# יאַגדע-קלייבער

סוף-זומער וויל דעם שונא-האַרבסט זיך ניט אָפּגעבן,
און האַלט נאָך הויך ווי אַ פייער-פאָן די זון.
טעג גייען דורך וויקל פון בלעטער.
הינדעלעך ניי-געבאָרענע זינגען פון טויזנט רגעס לעבן,
און שפרינגען הוילינקע אונטער דער מאַמע-הון:
גוט איז דערוויל אַ פעדערל לייען.
קאַטשקעס קאַטשען זיך און שרייען:
קאַטש — קאַטש — ק־אַ־ט־ש,
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה,
דער האַרבסט איז שוין דאָ:
קאַטש, קאַטש, ק־אַ־ט־ש.

האַרבסטיקע וועלדער גייען אָפּ מיט בראָנזענעם בלוט.
יאַגדעס בליען אַלט, די געלע בלומען בליען יינגער.
יעדע בלום — אַ נעסט פאַר גרויסע, געלע שמעטערלינגען.
די יאַגדעס, ווי פאַרליבטע, זיינען נאָכגיביק און גוט.

די בייזע שטעכלקעס רייסן שטיקער פינגער,
און ס'מישט זיך בלוט פון הענט מיט בלוט פון יאַגדעס.
די מיידל-פינגער זיינען פון רגעס פלינקער:
צום און צופּ,
צום-צופּ-צופּ,
און ס'פאַל פון יאַגדעס אַ ווייניקער רעגן.

אויף די שאַרסטקע לייבער
האָט די שיינקייט פון פעלד אויסגעבליט,
און עס שמעקט מיט יאַגדע-קוסטעס
פון די ווינטיקע פנימער, פון די אויסגעבלייזטע לענדן.

זון און ווינט און חנעוודיקע יאַגעדע-קלייבער
דעם מידן טאָג האָבן זיי געביטן
אויף זיסע יאַגדעס, אין געפלאָכטענע קערבלעך.
פון זייער מי איז זיי געבליבן — בלוטיקע צוויטן
אויף צעשטאָכענע גלידער,
און ברויט-דאַרע פענעצלעך.

ביינאַכט נאָך דער בידנער וועטשערע,
וואַרפֿן זיי זיך אויף האַרטע סעניקעס.
אין חלום עפּענען זיך יאַגדעס ווי וואונדן.
גוט איז דער נאָך־טעם פֿון געראָטענעם באָרשטש,
נאָך בעסער פֿון רו די קאַרגע שטונדן.

יעדע יאַגדע, מיט זון, אַ פֿולע קוקלע.
אין פֿעלד שלאָגט מיט צייטיקייט, מיט שאָרכנדיקער קראַפֿט.
ווי ס'וואָלט דער ווינט אויך יאַגדעס געקליבן,
רייסט ער גאַנצע הויפֿנס מיט ווינטיקע פֿינגער,
און ס'איז ערד מיט זאַפֿט געשמאַק און קרוכלע.

---

**יהושע גרינהאָף**

# האַרבסט-מאָטיוון

„אָדם כעץ השדה"

ס'איז איינגעהילט אין בלאַסקייט דער אַרום,
דער הימל בלייך פֿאַרנעפּלט — זון פֿאַרשטעלט,
און בלאָנדזשעט גראַד ווי איך: אַט גלייך, אַט קרום —
און כ'זוך דעם וועג צום שיצנדן געצעלט.

דער בוים שטייט נאַקעט-קאַלט און לעבנסלאָז,
עס קוקט מער ניט קיין מענטשנס אויג צום אים,
נאָר איך — אין אים — ווי דורך פֿאַרנעבלט גלאָז,
איך זע מיין אייגן טרויעריקן גרים.

איך גיי מיט אַ פֿאַרטראַכטן קאָפּ געבויגן,
און שפּאַן מיט שוואַכע אויסגעציילטע טריט;
עס פֿאַלן צו דער ערד-פֿלאַך מיינע אויגן,
ווען כ'טראַכט פֿון אַלץ וואָס טייער איז — און היט.

עס שיינען אויף די יוגנט-אידעאַלן,
וואָס כ'האָב מיין לעבן-לאַנג גאָר צאַרט גענערט,
געלאָזט די זאָמען מיט גרוים פֿאַרזיכט פֿאַלן,
נאָר ס'פּרוכט געניסן איז מיר ניט באַשערט.

---

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פֿון דעם „חשבון"

יעקב שמואל טויבעס

# אַרום אַ ליד פון מלכה חפץ טוזמאַן

ביי די יעניקע, וואָס איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן פאַר זיי מיין דעה אין שייכות מיט אַ געוויסער, מאָדערנער דיכטערשער שיטה, האָט זיך געקענט שאַפן דעם איינדרוק, אַז איך נעגיר דעם מין דיכטונג אינגאַנצן. מען האָט מיר שוין פירגעהאַלטן, אַז איך לייקן אָפּ שטיין אוןביין איר ווערט, צי אפשר אפילו איר רעכט צו עקזיסטירן.

וויל איך שוין אויפן אָרט מדגיש זיין, אַז די דאָזיקע השגה איז נישט קיין ריכטיקע. איך בין נישט אַזוי נאַאיוו און איך בין נישט אַזאַ חוצפהניק, צו וועלן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט אַ היסטאָרישן פאַקט, אַ ליטעראַרישע שיטה, וואָס נעמט אַרום צענדליקער, צי אפילו הונדערטער פּאָעטן, ניט נאָר אין דער יידישער דיכטונג, נאָר בפרט אויך אין דער דיכטונג פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אַזאַ זאַך קען נישט זיין קיין הפקר־זאַך. דאָס פאַלט נישט פּלוצים אַראָפּ פונעם הימל, ווערט נישט געבוירן פון דער העלער הויט. דאָס מוז האָבן אַ טיפערע היסטאָרישע סיבה, עס מוז זיין געגרונטעוועט אין דער געשיכטע, אין די געשעענישן פון דער צייט. און אויב אפילו די דאָזיקע סיבה זאָל נישט זיין קיין סימן פון געזונט, אויב זי זאָל זיין אַ סימפּטאָם פון קראַנקהייט, פון אַ פּסיכיש קראַנקער, פאַרצווייפלטער צייט, דאַרף מען זיך לכל־הפחות פאַרטיפן אין די אומשטענדן, וואָס האָבן צוגעפירט צו דעם מצב.

עס זיינען פאַראַן דער עיקרשט צוויי הויפּט־טענות, וואָס מען האָט צו געוויסע מאָדערנע פּאָעטן. איין טענה איז, למאי האָבן זיי איבערגעבראָכן מיט די אָנגענומענע פאָרמען פון אַ רעגולערן ריטם און מיט דעם סקאַרבאָווע פּאָע־טישן מיטל פון גראַם. די צווייטע טענה איז שייך די שווערע פאַרשטענדלעכקייט, צי אפילו אומפאַרשטענדלעכקייט פון געוויסע מאָדערנע דיכטונגען.

איז די ערשטע טענה כלל קיין טענה נישט. די גאַנצע אַלט־גריכישע דיכטונג ווייסט נישט פון קיין גראַם, הגם דער אמת זי באַנוצט זיך מיט שטרענג פירגעשריבענע ריטמען. די „נאָרד־זעע"־לידער פון היינריך היינע זיינען געשריבן סיי אָן גראַמען, סיי דאָס רוב אין פרייע ריטמען. הקיצור, דער דיכטער מעג טון וואָס ער וויל און קען זיך נוהג זיין ווי ער וויל, אויב עס געלינגט אים נאָר איבערצוגעבן דעם לייענער און קלאָר צו מאַכן פאַר דעם לייענער, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו זאָגן.

אָבער די צווייטע טענה איז דווקא יאָ אַ טענה און ט שטאַרקע טענה דערצו. מחמת אויב די צייט איז אַ קראַנקע, אַ צעשויבערטע און ווי האַמלעט זאָגט, „אַוט אָוו דזשאָינט", אַרויס פון די שאַרנירן — און דעריבער שווער צו פאַרשטיין, איז דער דיכטער פאַרט מחויב צו בלייבן פאַרשטענדלעך. ער מוז שטענדיק זיין אַביסל מער ווי בלויז דער אויסדרוק פון דער צייט. ער מוז — און דאָס וועט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער עס בלייבט אַן אמת — ער מוז אויך אַ פאַר־שטענדלעכן אופן קלאָר צו מאַכן דעם תוהו ובוהו, די אומפאַרשטענדלעכקייט פון דער צייט. אָט זיינען מיר אַליין עדות פון דעם שינוי, וואָס אַזוי פאַרגעקומען

אין די לעצטע יאָרן ביי אַ סך פּאָעטן. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט שטאַרק רעוואָלוציאָנערע ענדערונגען אין זייער פּאָעטישן סיגנון און זיינען פּאַרקראָכן אַזש ביז צו גראָטעסקע פאָרמלאָזיקייטן און — סוף־כל־סוף זיינען זיי געווען געצוואונגען זיך אומצוקערן צו אַ קלאָרערן דיבור און צו רעדן, ווי אַלע מענטשן רעדן, אויב זיי האָבן געהאַט עפּעס צו זאָגן און אויב זיי האָבן געוואָלט אַז מען זאָל זיי הערן.

מלכה חפץ טוזמאַן ווערט אָנגעזען, מיט מער אָדער ווייניקער רעכט, ווי אַ פּאָעט, וואָס מען דאַרף זיך היפּשלעך אונטערגאַרטלען, כדי זי איינגאַנצן תופס צו זיין.

מיין כוונה היינט איז אָבער נישט אַריינצודרינגען אין דעם טיפן תהום פון אירע סודות און סימבאָליזמען. מיין כוונה היינט איז אָנצעווייזן אויף אַן אַנדערער מלכה טוזמאַן. איך וויל ציען די באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט אויף איינער פון אירע דיכטונגען, וואָס פאַרמאָגט נישט נאָר וואונדערלעכע פּאָעטישע שיינקייטן, נאָר וואָס באַטייט אין איין צייט און, לפי עניות דעתי, אויך אַ שינוי אין איר צוגאַנג צו אַ פּאָעטישן סוזשעט.

דאָס ליד איז אָפּגעדרוקט אין איר לעצטן בוך „שאָטנס פון געדענקען" און רופט זיך „די ברכה."

צו דעם ליד גופא דאַרף מען כלל נישט קיין פירושים, וואָס איז שייך די טעמע. די זעכצן־יעריקע מלכה קלויבט זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין און מיר זעען זי גראַד אין דעם טאָג, ווען זי פאַרלאָזט איר אַלטע היים. אַזוי ווי זי פילט, אַז איר וועג וועט זיין אַ שווערער — מחמת זיכער ווייסט זי שוין דעמאָלט, אַז זי וועט גיין איר אייגענעם וועג און אַז דער וועג וועט זיין אַ שווערער — בעט זי ביים געזעגענען דעם זיידן, ער זאָל זי בענטשן. איז מיט וואָס זאָל ער זי בענטשן? ער זאָל זי בענטשן דערמיט, אַז די וועלט זאָל נישט האָבן דאָס געגנאָד פון איר, אַז זי „זאָל ניט זיין אויף לייטישע געלעכטער"... אָבער עס ווייזט אויס, אַז די ברכה האָט ניט געפּועלט. מחמת איצט, היינט און נאָך אַ סך יאָרן קלאָגט זי:

זיידע, זיידע,
איך לעב נאָך אַלץ צווישן פרעמדע —
אַ וועלט מיט פרעמדע לייט...
איך שאַר זיך אויף דער ערד אַרום
ביים דייט.
זיידע,
די מיר אַ באַשיצער,
פון מיין עלנט דער וועכטער,
ערשט איצט איז נייטיק מיר דיין ברכה:
איך זאָל נישט זיין אויף לייטישע געלעכטער...

דאָס איז אַזוי צו זאָגן דער נאַקעטער שקעליעט פונעם ליד און פאַר מיין היינטיקן צוועק נישט דער עיקר. איך האָב דאָס ליד געוויילט צוליב אַן אַנדערן טעם. איך האָב דערמיט געוואָלט געבן אַ דוגמא, אַ מוסטער פון אַן אַנדערער מלכה טוזמאַן, דער פאַרשטענדלעכער און אפילו גאָר לייכט פאַרשטענדלעכער דיכטערין.

מיט אַ צייט צוריק האָב איך מיר מודה געווען פאַר דער דיכטערין, אַז אויב איך שרייב אַ ליד, האָב איך דערביי שטענדיק דאָס געפיל, אַז איך רעד צו אימעצן. און אַז איך רעד צו אימעצן, דאַרף איך צי אים רעדן אויף אַ לשון, וואָס ער זאָל פאַרשטיין. מחמת אויב נישט, וועלן מיינע ווערטער זיין אומזיסטע. וועט ער פאַרבייגיין פרעמד און בלינד פאַר מיינע צאַרטעסטע געפילן און פאַר מיינע טיפסטע מחשבות. עס וועלן זיין במלוא־מובן־המלה" אַרויסגעוואָרפענע רייד...

מיט איר ליד „די ברכה" ווענדט זיך מלכה טוזמאַן צו אונדז, רעדט זי צו אונדז פשוטע מענטשן, פראָסטע חי־וקימס און זי רעדט צו אונדז אויף אונדזער לשון. פונדעסטוועגן האָט דאָס נישט מעכב געווען, נישט אויף אַ האָר, די שיינ־קייט, דאָס חשיבות און די מדרגה פון דער דאָזיקער אַנטציקנדיקער פּאָעמע.

און אויב איך זאָל מיר מתיר זיין אַרויסצוזאָגן אַ דורכאויס פּערזענלעכע דעה, וואָלט איך געזאָגט אָט וואָס:

מיט דעם מין לידער, מיט איר היפּערסענסיטיוון חוש פאַר יעדן מינדסטן ריר פון דער נשמה, מיט איר באַזונדערס פאַרפייַנערטן געפיל פאַר דעם ווערט און דעם געוויכט פון יעדן יידישן וואָרט, איז מלכה טוזמאַן נישט נאָר מסוגל צו שטיין אין איין שורה מיט גאָר גרויסע יידישע פּאָעטן, נאָר — און דאָס איז נישט חלילה קיין פחיתות הכבוד פאַר איר אָריגינאַליטעט און אַנדערשקייט — מיט דעם מין לידער וואָלט זי אויך געקענט ווערן אַ סך פאָלקסטימלעכער און פּאָפּולערער.

זי וואָלט זיך נישט געדאַרפט אַרומשאַרן „אויף דער ערד ביים זייט", נישט געדאַרפט זיין נאָך „אַלץ צווישן פרעמדע — אַ וועלט מיט פרעמדע לייט"... זי וואָלט געדאַרפט פאַרשטיין — און גראַד דאָ באַגייט זי איר קאַרדינאַלן טעות — אַז אויב זי זעט, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ וועלט מיט פרעמדע מענטשן, זיינען נישט די מענטשן פרעמד, נאָר זי אַליין איז געבליבן אַ פרעמדע צווישן מענטשן, וואָס קענען זיך איינער דעם אַנדערן זייער גוט. זי אַליין האָט גורם געווען איר טראַגישן גורל פון בלייבן פרעמד און איינזאַם.

אָבער מיט אַזוינע לידער ווי „די ברכה" ברעכט זי אויף דאָס אייז פון פרעמדקייט. דערמיט קומט זי אַריין אין אונדזער שטוב. זי הערט אויף צו זיין פרעמד, זי ווערט אַ היימישע, ווערט איינע פון אונדז.

איז דעריבער וואַרטן מיר מיט שפּאַנונג אויף אַ נייעם בוך לידער פון מלכה טוזמאַן, וואָס אין אים זאָל אַריין די ברכה פון לידער לויט דעם נוסח פון איר ליד „די ברכה."

הערץ בערגנער

# דער לץ פון דער „וואַלעווקע״

(דערציילונג פון אַמאָליקן וואַרשעווער לעבן)

וועגן חיימל לץ האָט מען זיך אויף די באַלעווקעס און אויף דער „וואַלעווקע״ דערציילט פאַרשידענע מעשיות. זיינע שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטון מענטשן, האָבן געהאַט אַ שם. כאָטש ער איז שוין געווען מיט אַ שמיצל איבער שבעים, האָט ער אויסבאַהאַלטן די יאָרן און די פריילעכקייט האָט אים אַלץ נישט אָפּגעלאָזט. בעת מען האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז שוין קיין עין־הרע אַ ייד אין די יאָרן און נישט שטענדיק וועט ער קענען אַזוי פריילעך אַרומטענצלען אויף גאָט'ס וועלטל, האָט ער זיך אַ רייב געגעבן זיינע קליינע הענטלעך, אַ פאַרקנייטש געטון זיינע אַלטע ממזריש־קליינע אייגעלעך און מיט אַ וואונק זיך אָנגערופן:

— יאָכ'ל אים שוין פאַרמאַניען, דעם מלאך־המוות!... יאָכ'ל אים פאַררעדן די ציין! אונטעררוקן עפּעס אין יד אַריין און פטור אַן עסק! פאַרלאָזט ענק אויף חיימלען! . . .

אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר האָט מען זיך אויף דער וואַלעווקע דערציילט ווי ער האָט דאָס שוין אויף דער עלטער „מלבוש ערומים״ געווען אַן ערל, אַן אָפּגעקומען בייז פריצל, אַ שונא־ישראל, וואָס איז אויפן מאַרק אַרויסגעקומען עפּעס קויפן און געשאָלטן יידן מיט טויטע קללות. דאָס אָפּגעקומענע פריצל איז געווען טויט־שיכור, זיך קוים געהאַלטן אויף די דינע פויגלשע פיסלעך, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער שכל געהאַט צו מאַכן פון די יידן אַש און בלאָטע.

אַז חיימל האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אַזש פון פרייד אַ רייב געטון די הענטלעך פון דעם שפּיצל, וואָס ער גייט דאָ אָפּטון.

— יאָכ'ל אים שוין פאַרדרוקן אַ „שפּונט״... כ'על אָנלערנען דעם ערל ווי צו רעדן צו אַזאַ ייד! — האָט ער מיט אַ וואונק מכלומרשט זייער גלייכגילטיק געזאָגט צו דער חברה לצים, וואָס האָט זיך אים תמיד נאָכגעשלעפּט — פאַרלאָזט ענק אויף חיימלען!

און אומר ועושה — ער האָט קיין סך נישט געטראַכט און זיך באַלד צו דער אַרבעט גענומען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר אַ געשעפט און גענומען אַריינגאַרן דאָס פריצל צו זיך מיט גוטע רייד:

— ביי מיר זיינען דאָ די בעסטע שליאַכעצקע מלבושים פון סאָביעסקיס צייטן אַן! ביי מיר האָט זיך אָנגעטון דער כראַביע בכבודו ובעצמו!... קום אַריין לאַכטיק פריצל, לאַכטיקער אדון, וועל יאָך דיר ווייזן וואָס פאַראַ „צוש״ כ'האָב ביי מיר אין קראָם... דער פאַן וועט ביי מיר באַלד אויסזען ווי דער כראַביע פּאָטאָצקי אַליין!

חיימל האָט גערעדט ווייך און זיס צום פריצל, אָבער בעת מעשה האָט ער אויך גערעדט אויף יידיש צו דער חברה, וואָס איז געשטאַנען אַרום אים:

וואַרטע, עטץ וועט באַלד זען וואָס דאָ וועט זיין... צ'עט האָבן אַן אומזיסט טריאַטער, יידן... אַ וואר טריאַטער!

און צום גוי האָט ער מוסיף געווען:

— נאָ, אָטאָסטו דאָס שיינע פּריצישע מלבוש... — האָט ער אַרויסגענומען אַ גאַליציאַנער חסידישע בעקעשע — איך וועט דאָס דיר פּאַסן, פּאַניע דזשעדזיצו... טויזנט טעם וועסטו האָבן אין דעם! — אַז זאָלסט האָבן אַזאַ יאָר — האָט ער בעת־מעשה אַריינגעקאַפּט אַ קללה אין יידיש — ווי קען זיך צו אַזאַ חזיר־פּיסק פּאַסן אַ חסידישע קאַפּאָטע!...

און נישט נאָר אין אַ גאַליציאַנער זיידענער בעקעשע האָט חיימל לץ דאָס בייזע פּריצל אויסגעפּוצט, נאָר אויך אין אַ גאַליציאַנער שטריימל און אין אַ טלית־קטן מיט לאַנגע ציצית און אין „שיך און זאָקן."

ווען דאָס פּריצל, אויסגעטראַצעט אין די חסידישע מלבושים, האָט זיך אַ שיכורער געלאָזט אויפן מאַרק, האָט מען אים געמאַכט די אמתע לוויה... מען איז אים נאָכגעלאָפן, געריסן ביי אים די קאַפּאָטע, געהאַקט אים אין שטריימל אַריין און געמאַכט אים אַ „משחנתא" — אַריבערגעליגט אים און אַריינגעפּיצקעט, ער זאָל האָבן צו געדענקען און מער נישט קומען אויף אַ ידישן מאַרק שעלטן יידן... חיימל לץ האָט אָנגעקוואָלן פון זיין שטיקל אַרבעט, געהייסן די קינדער נאָכלויפן דאָס אָפּגעשמיסענע גויעצל און שרייען „הוראַ"!

דאָס איז אַלץ אָבער געווען צווישן מענטשן. חיימל איז צווישן מענטשן זיין גאַנץ לעבן געבליבן דער לץ און קיינער האָט פון דעם סוד נישט געוואוסט, אַז ער איז דווקא נישט אַזוי פריילעך, ווי עס מאַכט זיך. אַלעמאָל, אַז חיימל איז געבליבן מיט זיך אַליין, איז זיין פריילעכקייט מיטאַמאָל פאַרשוואונדן און ס'איז דעם לץ נישט געווען צו דערקענען. ער האָט דעמאָלט געטראַכט פון זיין לעבן, וואָס איז אַוועק מיט מאַכן זיך צום נאַר, אַזוי אַז ער וועט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר נישט האָבן וואָס איבערצולאָזן די קינדער. ער האָט פאַרגליכט זיין לעבן און דאָס לעבן פון ר' מרדכי מאַרגאָלין, זיין בן־עיר, וועלכער האָט געוואוינט מיט אים צוזאַמען אויף איין הויף. פון דעם קליינעם טונקל־באַלויכטע־נעם קעלער־שטיבל, וואו חיימל לץ, דער טאַנדייטניק, האָט געוואוינט, האָט מען געקאָנט זען די גרויסע און ליכטיקע פענצטער פון ר' מרדכי'ס רייכער דירה. דורך די קליינע פאַרטרערטע קעלער־פענצטערלעך האָט ער זיך צוגעקוקט ווי נאָך יעדער שמחה, וואָס ר' מרדכי האָט געפּראַוועט, האָט ער מכבד געווען מיט לעקעך און בראָנפן יעדן איינעם, וואָס איז צו אים אַריין. ער האָט געזען הינטער די יום־טובדיקע פענצטער הענט, וואָס האָבן זיך געשטרעקט ביים וואונשן; קעפּ, וואָס האָבן זיך געטוליעט ביים קושן...

חיימל לץ איז געווען אַ מטופל מיט קינדער און אייניקלעך, קיין עין־הרע, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט ביי זיינע פיס און זיינען געקראָכן אים אויף דער פּלייצע, אויף די אַקסלען. שטענדיק אַ ווייצלער, אַ שטיפער, האָט אים פונדעסט־וועגן גענאָגט אַ וואָרם אינעווייניק און ער האָט מקנא געווען דעם שיינעם ייד, ר' מרדכי דעם גביר. מיט יאָרן צוריק האָבן זיי ביידע חתונה געהאַט קיין וואַרשע. ר' מרדכין איז עס באַלד גוט אַוועק און חיימל האָט זיך לא עלינו געמוטשעט. זיין חלום איז געווען אויפצושטעלן זיך אַ געוועלב אויף די נאַלעווקעס, לעבן ר' מרדכי'ס, ער זאָל אויך האָבן נאָך זיך איבערצולאָזן אַ שטיקל זכר פאַר די קינדער.

ער איז מחמת דעם אַפּט אַרומגעגאַנגען צעטראָגן — אָבער צווישן מענטשן האָט ער ווייטער געוויזן זיינע שמד־שטיקלעך און פון זיין פּנים איז די פריילעכ־קייט נישט אַראָפּגעגאַנגען. אויף דער וואָלעוקע, וואו ער האָט געהאַנדלט, האָט ער זיך אינמיטן טאָג געקענט פאַרשטעלן, איבערשרעקן מענטשן, און זיין לייכט געמיט, ווי ביי אַ ייִנגל, איז אים געבליבן ביזן טאָג, ווען ער האָט די נשמה אויס־געהויכט. אַלעמאָל, אַז ער האָט אָפּגעטון עפּעס אַ פריש „שטיקל", האָט מען געזאָגט אויף אים:

— דאָס איז חיימל... היימל מיט די ביינער! ס'איז אַ מענטש, וואָס נעמט זיך גאָרנישט צום האַרץ! דער קאָפּ לאַכט אויף אים...

פאַר אַזאַ ס'גאַל מענשט האָבן אים טאַקע אַלע געהאַלטן; בלויז דאָס ווייב זיינס, מייטל, האָט געוואוסט זיין סוד. און אַלעמאָל, ווען ער איז געווען פאַרטון אין זיינע חלומות, האָט זי אים געמוזט ד'ערמאָנען אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

געשען איז דאָס צומייסטנס אין די קאַלטע ווינטערדיקע אָוונטן, ווען זיי האָבן זיך ביידע פון מאַרק צוריק אומגעקערט, פאַרפרוירענע און פאַרשטייפטע, מיט צעשמיסענע פּנימער פון פראָסט און ווינט. ביידע זיינען זיי געווען איינגע־באַבלט, אַז זיי האָבן זיך קוים קעקאָנט רירן און אויסגעזען, ווי צוויי גרויסע אויסגעשטאָפּטע ליאַלקעס.

חוץ די פאַרשידענע פויערישע בורקעס, ציגענע מאַרינאַרקעס און הויזן, וואָס מייטל האָט געהאַלטן פאַרוואָרפן אויפן אָרעם, האָט זי נאָך געשלעפּט מיט זיך אַ גרויסן ערדענעם פייער־טאָפּ. זי האָט אַלעמאָל אַ בלאָז געטון צו די האַלב־טויטע קוילן און איר פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטער שיין, ווי ס'וואָלט זיך געשפּיגלט אין דער ווינטערדיק־אונטערגייענדיקער זון. חיימל איז געווען פאַרלייגט מיט פּעק — געטראָגן אויף זיך זיין גאַנצע קראָם. און שטענדיק ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם הויף און חיימלס קאָפּ האָט זיך פון זיך אַליין פאַרריסן צו ר' מרדכי'ס רייך־צעצונדענע, וואַרעמע פענצטער און ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיי מיט פאַרבענקטע אויגן, האָט אים מייטל באַלד געמוזט כאַפּן ביי דעם.

— שוין? שוין? האָסט זיך שוין ווייטער פאַרגאַפּיעט, גרויסער פאַרדינאַר מיינאָר! — האָט איר דין מיילעכל אַ שניט געטון ווי אַ חלף — גרויסאַר צעליי־גאַר! דו גייסט גלייך צו ר' מרדכין! קוקץ אים נאַר, חיימל לץ! זיץ איין אויפן זייטזשע מוחל, אַז ס'איז דיר גוט... פּלי נישט אין די הימלען...

פאַר גרויס כעס האָט זי אַזש אַ טשעל אַנידער געטון דעם פייער־טאָפּ אין שניי און זיך אָנגענומען פאַר די באַקעס, גלייך זי וואָלט זיך געגרייט צו אַ געשלעג. פון די פיל אָנגעפעלצטע קליידלעך האָבן זיך ביי איר נישט אַרויסגעזען קיין פיס און ס'איז אויסגעקומען ווי די קליידלעך וואָלטן אַליין געשטאַנען אויפן שניי. מיט אַ פינגער האָט זי געטייטלט איבער חיימלס פּנים — אָבער ער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— וואָס אַרט דיך, מייטלשי־קרוין, אַז כ'גלייך מיך צו ר' מרדכין? ס'קאָסט דיך עפּעס טייערער? דאָס טאָר יאָך שוין אויכעט נישט? וואָס ביזטו, מייטלשי־קרוין, אַזאַ שלעכטע זאַך, אַזאַ זשאַוואָר?

נאָר מייטל איז פון ס'איריקע נישט אָפּגעטראָטן:

— ניין, אפילו איינרעדן טאָרסטו דיר אויך נישט! — האָט זי געפייערט — כ'האָב פיינט, אַז מען רעדט זיך איין פוסטע מעשיות... קריך נישט אין די הימלען! אוי, האַרפּיקע מענטשן, כ'האָ'ניש קיין כוח צו לאַכן פון דעם ייד! ער גייט זיך גלייכן צו ר' מרדכין!

זי האָט אַ פּרואוו געטון צו לאַכן, נאָר קיין געלעכטער איז פון איר נישט אַרויס. דערפאַר האָט זי זיך אַלעמאָל העכער געריסן, אַז מענטשן האָבן זיי אַרומגערינגלט און חיימל האָט נעבעך נישט געוואוסט וואו אַהינצוטון דאָס פּנים פאַר גרויס בושה און אַנטלאָפן אין שטוב אַריין.

אָבער וואָס איז געווען די פּעולה פון זיין אַנטלויפן, אויף צומאָרגנס האָט זיך אַלץ צוריק איבערגעחזרט. ער האָט זיך פאַרגעסן און ווייטער פאַרריסן דעם קאָפּ צו ר' מרדכיס ליכטיק־צעטונדענע פענצטער, און מייטל האָט אים, ווי שטענדיק, אַראָפּגעשלעפּט פון די הימלען און אָפּגעשפּילט אים די זעלבע חתונה.

ער האָט זיך ווייטער געמוזט שלעפּן אויפן מאַרק, אַרומגעבעט מיט די פאַר־שיידענע טאַנדייט־שטיקלעך, וואָס ער האָט געגייט ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין ביי אַ קליין פאַרלאַטעט לעמפּל. דאָס ווייב האָט „וויקאַנטשעט" די אַרבעט, געצויגן פאַסטריגעס, גענייט קנעפּלעך. קיינער האָט פון זיי נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרנעמען מיט די קינדער און זיי האָבן זיך געשפּילט מיט שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביז זיי זיינען אַוועקגעפאַלן — ווער אויף די קופּעס סחורה, ווער אונטערן טיש. ערשט נאָך האַלבער נאַכט, ווען טאַטע־מאַמע זיינען זיך געגאַנגען לייגן, האָט מייטל אויסגעטון די קינדער. זי האָט זיי געהויכט אין די קאַלטע הענטלעך, געריבן די פאַרפרוירענע פיסלעך און אַריינגעלייגט אין בעט. זיי האָבן צומאָל נישט אויפגעמאַכט די אויגן. דערפילט דער מאַמעס לייב האָבן זיי מיט די הענטלעך בלינדערהייט אַרומגענומען איר האַלדז, זיך געטוליעט צו איר וואַרעמקייט און ווייטער געשמאַק געשלאָפן.

אַ גאַנצן טאָג, בשעת טאַטע־מאַמע זיינען אַרויס אין גאַס האַנדלען, זיינען די ייִנגערע קינדער געווען אינדערהיים פאַרשלאָסן. קיין אייגן ביידל האָט חיימל לך נישט פאַרמאָגט. אויף אַ קעסטל האָט ער אויסגעלייגט זיין גאַנצע סחורה. ווען דאָס ווייב האָט געמסחרט, האָט ער אַכטונג געטון, צי ס'באַווייזט זיך נישט אַ „קנעפּל". ער האָט אַ טבע געהאַט, דער פאָליציאַנט, אונטערצוגנבענען זיך פּלוצים און צו שרעקן די קרעמער אויפן מאַרק, וואָס האָבן נישט געהאַט אַ דער־לויבעניש דאָ צו שטיין, כאָטש ער איז געווען „געסמט" און גענומען לאַ־יחרץ־געלט. נאָכן אָפּטון אַזאַ שטיקל אַרבעט, פּלעגט ער אַ צופרידענער שמייכלען און באַגריסן זיך מיט יעדן איינעם, מעשה־זיגער:

— נו, יידעלעך... מען האַנדלט... מען וואַנדלט... מען שווינדלט! שאַכער־מאַכער!

ער איז געווען אַ לאַנגער, ווי אַ דראָנג, דער גרעסטער „לאַפּקע"־בחור. פּונקט ווי יעדער פאָליציאַנט אויפן מאַרק, האָט ער אויך געהאַט זיין צונעמעניש. ס'איז דאָ געווען אַ „משה טשאַפּ", אַ „יעקל ס'בייסט דיך" און אים האָט מען געקרוינט מיטן צונאָמען „באָטשאַן". אַז מען האָט אַ רוף געטון: „דער באָשטאַן גייט, האָט מען געוואוסט, אַז מען דאַרף מאַכן אָפּצוג...

חיימלס וויכטיקסטע אַרבעט אויפֿן מאַרק איז געווען, איבערצוגעבן דער ווייב, ווען „באַטשאַנס" לאַנגע פּיס קומען צו שפּרייזן, כדי מען זאָל באַצייטנס קאָנען אַראָפּכאַפּן דאָס ביסל סחורה. כאָטש חיימל האָט אויפֿן מאַרק געהאַט געגנוג צרות אויסצושטיין, איז ער אַלץ געבליבן דער זעלבער לץ ווי ער איז אַלע־מאָל געווען. ער האָט פֿון זיין לצנות נישט פֿאַרגעסן, פֿריילעך געמאַכט די קרעמער. אפילו מיט די אייגענע קינדער האָט ער ליב געהאַט צו טרייבן קאַטאָ־וועס. ער האָט זיי געשנעלט אין די אויערן, פֿאַרדרייט ביי זיי די היטעלעך, זיי זאָלן נישט וויסן ווער ס'האָט דאָס געטון. טאָמער האָבן די קינדער געמאַנט עסן, האָט ער זיך אָפּגערופֿן מיט זייער אַן ערנסט קול:

— ס'הונגערט דיך, קינדה מיינס? לעק זאַלץ, וועט דיך דאַרשטן...

בעת אַ כלה־מיידל האָט געוויינט אַז זי האָט נישט אין וואָס אַרויסצוגיין שפּאַצירן, האָט ער זי געפֿרעגט מיט אַ שטאַרק פֿאַרחידושט און תמעוואַטע קול:

— וואָס הייסט דו האָסט נישט וואָס אָנצוטון, טאַכטערשי? מ'טוט אָן דעם אַלטן באַרוועס און דעם נייעם נאַקעט...

טיף אין זיך האָט ער כל־ימיו געגלויבט, אַז ער וועט נאָך דערלעבן זיך אויפֿצושטעלן אַ געשעפֿט אויף די נאַלעווקעס און נאָכגעבן זיינע קינדער, וואָס זייער הארץ גלוסט. ער האָט אין דעם געגלויבט, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן. און ווען דער מלאך־המוות איז צו אים אינצווישנצייט געקומען און ער האָט אים נישט געקאָנט פֿאַררעדן די צייט — ווי ער האָט אייביק געזאָגט — איז ער ביז צו דער לעצטער רגע געווען ניכטער און זיין גאַנץ אָרעם לעבן איז אים פֿריש געשטאַנען אין זכרון. איבער דער גאַנצער צייט פֿון זיין קרענק האָט ער נישט געוואָלט טועם זיין פֿון די יויכלעך, וואָס מען האָט אים אַראָפּגעשיקט פֿון ר' מרדכי'ס גבירישער שטוב. ווען מייטל האָט אים דערלאַנגט די יויכלעך אין די גבירישע טעפּלעך, האָט ער באַלד דערשמעקט פֿון וועמען זיי קומען און נישט געוואָלט זיך צו זיי צורירן.־ מייטל האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס באַטייט און זיך געבעטן ביי אים:

— פֿאַרזוך, וועסטו זען ווי ס'עט דאָר שמעקן! ס'איז אַ טייער ביסל יויך... עס היילט די נשמה... כ'האָב אומישנע פֿאַר דיר אָפּגעקאָכט... — האָט זי געזאָגט אַ ליגן, וואָרן זי האָט זיך געכאַפּט אַז ער וויל נישט פֿאַרזוכן פֿון די גבירישע עסנס.

— ס'שמעקט מאָר נישט! כ'קען נישט, מייטלשי קרוין... — האָט ער געקוקט מיט אויגן פֿול צער.

זי האָט געבלאָזן אין טעפּל אַריין, פֿאַרזוכט אַליין אַ טעפּל יויך, כדי אים צו ווייזן ווי גוט ס'איז; איינגערעדט אים ווי אַ פּיצל קינד — אָבער עס האָט גע־האָלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס. כדי איר צוליב צו טון, האָט ער זיך צוגערירט מיט מיט די פֿאַרטרוקנטע ליפּן צום טעפּל, אָבער ווען זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין מיט אים אויף אַ דרך, האָט ער צוריק אָוועקגעשטעלט דאָס געקעכץ.

— ר'איז אַן איינגעשפּאַרטער ייד! — איז שוין מייטל אַרויס פֿון די כלים, וואָרן זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען ווי מ'קען זיך וואָרפֿן מיט אַזאַ טייער ביסל וואַרעמס. — אַזוי ווי איינער איז צו זיבן, אַזוי איז ער צו זיבעציק! שטענדיק איז דאָס געווען אַ גרימאַס!

זי איז אַוועק פֿון חיימלס בעט און זיך שטיל אויסגעוויינט, ער זאָל נישט

זען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳האַלט מיט אים שמאָל. ער פירט זיך אויף זייער אויסטערליש. דאָס ערשטע מאָל זינט דיין קרענק, האָט זי גערופן צו אים אַ דאָקטאר. זי האָט נישט צוגעלאָזט מער צו אים דעם היימישן רופא, וואָלף „פריץ״, וואָס פלעגט קומען אויסגעפוצט אין געלע הענטשקעלעך און מיט אַ גריך־פאַרשטויבטן „בעכער״ אויפן קאָפּ.

צוזאַמען מיטן דאָקטאר איז אויך אַריינגעקומען ר׳ מרדכי. ער איז געקומען מבקר־חולה זיין דעם בן־עיר זיינעם, וואָס האָט געוואוינט מיט אים צוזאַמען אויף איין הויף. ר׳ מרדכי איז לאַנג געזעסן נאָכן דאָקטארס אַוועקגיין ביים קראַנקנס בעט. ער האָט פאַרשטאַנען וואָס חיימל האָט זיין גאַנץ לעבן געפילט צו אים און אויסגעמיטן צו קוקן אין זיינע אויגן, וואָס זיינען ביז צו דער לעצטער רגע געווען ניכטער, און אים אָנגעקוקט מיט אַ דורכדרינגלעכן בליק.

ר׳ מרדכי האָט זיך פּלוצים דערפילט זייער שולדיק קעגן חיימלען, מחמת ער האָט זיך קיינמאָל אויף אים נישט אומגעקוקט. כדי זיך אַביסל רעכטפאַרטיקן אין חיימלס אויגן, האָט ער איצט אָנגעהויבן דעם קראַנקן צו באַדינען. ער האָט געהאָלפן דעם חולה איבערדרייען פון איין זייט אויף דער אַנדערער. מיט איבערגעטריבענער פלייסיקייט האָט ער זיך פאַרשאַרצט די אַרבל פון דעם אַלפּאַ־גענעם כאַלאַט און איבערגעדרייט חיימלען. נאָר דער קראַנקער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען און באַלד האָט זיך דערהערט זיין שלאַף קול, אַז ער ליגט נישט גוט. בעת ר׳ מרדכי האָט צוריק איבערגעדרייט חיימלען, האָט ער געהאַלטן דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ווייל ער האָט געפילט ווי דעם חולהס לצניש־קליינע אייגעלעך קוקן אים אָן מיט אַן אַלץ־וויסעריש בליקל. מיטאַמאָל האָט חיימל זייער ניכטער אַ וואונק געטון צו ר׳ מרדכין און אים געבעטן, ער זאָל זיך צו אים איינבייגן:

— הא, מרדכי — האָט ער אים איינגערוימט עפּעס אויפן אויער, ווי ער וואָלט אים דערציילט אַ סוד — וויפיל אַ שטייגער פאַרמאָגסטו קאַמעניצעס ?

ר׳ מרדכי איז זייער בלאַס געוואָרן. אין דער ערשטער רגע זיך נישט געכאַפּט וואָס דער קראַנקער פרעגט אים. פאַשטאַנען אַז דאָס מוז זיין עפּעס אַ פריש „שטיקל״ פונעם לץ און אָנגעהויבן אין גרויס פאַרלעגנהייט צו שטאַמלען:

— כ׳ווייס אַליין נישט... כ׳ווייס נישט וויפיל קאַמעניצעס כ׳פאַרמאָג... וואָס דאַרפסטו דאָס אַקוראַט אַצינד וויסן ?...

— און וויפיל, אַ שטייגער, פאַרמאָגסטו מזומנים?... כ׳מיין באַרעס געלט...

— האָט חיימל נישט אָפּגעלאָזט ר׳ מרדכין.

— כ׳ווייס נישט... כ׳ווייס אַליין נישט וויפיל כ׳פאַרמאָג מזומנים — איז ר׳ מרדכין אַוועק די מראה פון פּנים — כ׳פאַרשטיי ינשט וואָס דו דאַרפסט דאָס אַלץ פונקט איצטערט וויסן !

— ווייל כ׳וויל וויסן צי דו קענסט מיר באָרגן אַ טויזנטער... — האָבן חיימלס קליינע, אַלטע אייגעלעך זיך קלוגעטשקע צוגעמרוזשעט, אַז מען האָט זיי אינגאַנצן נישט אַרויסגעזען — כ׳דאַרף האָבן אַ טויזנטער...

ר׳ מרדכין האָט אָנגעהויבן שווער צו סאָפּען און די ליפּן האָבן אים זייער געציטערט, צעבלאָזן די האָר פון זיין אײדעלער, שיין־פאַרקעמטער באָרד.

— כ׳ווייס נישט צי כ׳האָב... — האָט ער אָנגעהויבן צו זוכן תירוצים —

וואָס דאַרפסטו עפּעס אַצינד אַ טויזנטער... געניטיק אין טאָפּ אַריין... ס'איז דאָך אַ מטמון מיט געלט... ס'איז דאָך אַ גרויסע מטבע. וואָס דאַרפסטו פונקט אַצינד אַזויפיל געלט ? !

— אַז דו האָסט נישט קיין מזומן־געלט, שרייב־זשע אונטער אַ וועקסעלע...

— האָט חיימל אַלץ נישט אָפּגעלאָזט ר' מרדכין — דיינס אַ וועקסעלע איז קראַנט ווי גאָלד !

ר' מרדכי, וואָס איז אויך שוין נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק, איז געבליבן זיצן אַזוי פאַרשטאַרט, אַז מייטל האָט געמיינט: אָט גייט ער חלשן. זיינע טויט־בלאַסע ליפּן האָבן בלויז כסדר איבערגעחזרט:

— וואָס דאַרפסטו פונקט אַצינד אַזויפיל געלט האָבן? נאָך וואָס און נאָך ווען?

— כ'האָל עס מיטנעמען אין קבר אַריין! אַנדערש וועט מען מיך נישט אַריינלאָזן אויף יענער וועלט... — האָט חיימל אַלץ קלוגעטשקע געמרוזשעט זיינע קליינע אייגעלעך — כ'האָב מיר צו די תכריכים געלאָזט צונייען גרויסע קעשענעס... דיר וועט גענוג איבערבלייבן מיטצונעמען מיט זיך...

דעם אַנדערן טאָג אינדערפרי איז חיימל געשטאָרבן. אַרומגערינגלט פון אַ קראַנץ ווייבער, וואָס האָבן אַריינגעשריגן עפּעס אין פאַרמאַכטן אָרון אַריין, האָט מען באַגלייט חיימלען אַרויס פון הויף. ווען די שוואַרצע עגלה האָט זיך אַרויסגעשאָקלט פונעם טויער, האָט ער, דער סטרוזש, באַלד צוריק פאַרקלאַפּט מיט אַ געבייזער. די ווייבער האָבן מיט אַ היוכער יללה זיך אַ לאָז געטון נאָך דער עגלה, אָבער דער אַנטרייבער האָט אַ שמיץ געטון די פערד און גיך אַוועק, ווייל ביי אָרעמע לוויות, וואָס זיינען געגאַנגען קיין „פּראַגע", האָט מען נישט באַגלייט קיין מת אויפן הייליקן אָרט. די עגלה האָט זיך איינזאַם און שנעל אַוועקגעקוילערט צום פּראַגער בית־עולם, דאָרט וואו מען האָט קובר געווען די אָרעמע...

נאָך אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך נאָכדערציילט אויף דער „וואָלעווקע", אַז אפילו אויפן טויטן־בעט איז חיימל געבליבן דער זעלבער לץ, ווי ער איז אַלעמאָל געווען. זיינע לצנישע שטיקלעך האָט ער געמאַכט דעם מלאך־המות אין די אויגן אַריין; כאָטש „פאַררעדן די ציין", ווי ער האָט אַלעמאָל געזאָגט, האָט ער אים נישט געקאָנט. דער מלאך המות איז פאָרט קלוגער געווען פון אים. דערפאַר האָט ער ר' מרדכין דעם גביר אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט אים שיער נישט מיטגענומען מיט זיך...

## דערהאַלטענע זשורנאַלן און צייטשריפטן

קינדער זשורנאַל (רעד. ש. גוטמאַן און י. גויכבערג); „זיין" (רעד. ל. ראַזאַף); „אויפן שוועל" (רעד. קאַלעגיום, ניו־יאָרק); „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער" (רעד. משה קנאַפּהייס); „אַרגענטינער ביימעלעך", קינדער־זשורנאַל (רעד. זעליג מאַזור); „דווקא" (רעד. סוסקעוויטש) אַרגענט.; „אייגנס" (רעד. מ. טשעסני) תל־אביב; „אונדזער קיום" (רעד. ד"ר ל. קורלאַנד, פּאַריז); „שריפטן" (רעד. קאַלעגיום) אַרגענט.; ירושלים; קולטור און דערציאונג (רעד. „קורות" יידישע זשורנאַליסטן כראָניק, יעפּרויקין, ניו־יאָרק); „פּאַראויס" (רעד. קאַלעגיום); „שטימע"; „דער וועג" (מעקסיקע); „ביאַלעסטאָקער שטימע" (ד. סאָהן, רעדאַקטאָר); „דאָס פרייע וואָרט" (אַרגענטינע); „ביטער רוט", פערטל־יאָר שריפט פאַר ענגלישער פּאָעזיע, רעד. מעינקע קאַץ; „אונדזער אייגן ווינקל", רעד. סיגאַלאָווסקי; „יוגנטרוף", טאָראָנטאָ, קאַנ.

פינטשע בערמאַן

# פאַרוואָס?...

(געווידמעט דעם אָנדענק פון משה לייב האַלפּערן)

פאַרוואָס ווײנט מײן האַרץ אין פרימאָרגן־געבעט,
ווען עס ווײען די גראָזן און גרינען?
פאַרוואָס איז באַשערט מיר צו זײן אַ פּאָעט,
און קײנמאָל קײן רו ניט געפינען?

עס זשאַווערט מײן גומען, מײן ליפּ, און מײן צונג,
דאָס אײביקע וועקן און רופן —
פאַרוואָס לעשט ניט דער קוואַל, וואו איך קום נאָך אַ טרונק,
דעם פײער פון דורשטיקע גופן?...

עס צעפּראַלט זיך מיט האַסט מײן האַרץ אינדערפרי,
פון נאַכטיקן פײנלעכן שווײגן —
פאַרוואָס ברענט מײן וואָרט מיך אַלײן, אין זײן גלי,
ווי דעם פײגל — צעשרפּעטע צווײגן?

פון דער טיף פון מײן זעל עס רײסט זיך מײן ליד,
ווי לאַווע, צעבליצט און צעפײערט —
פאַרוואָס מוז זײן שטענדיק אין פלאַם מײן געמיט,
ווי קאָרן אין צעפלאַקערטן שײער?

עס טרײבט מיך צו אומרו דורך פרײרים און שטעט,
אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק, אָן אַ זינען —
פאַרוואָס איז באַשערט מיר צו זײן אַ פּאָעט,
און קײנמאָל קײן רו ניט געפינען?

# מײן פענצטער איז אָפן

מײן פענצטער איז אָפן, מײן טיר איז צעפּראַלט,
עס טרוימען פון טריט מײנע שוועלן,
עס פלאַמט אויף דער צפון, עס תפילהט דער וואַלד,
אַ פויגל פאַרגײט זיך אין טרעלן.

מײן בעט איז „געמאַכט", באַפּוצט און באַצירט,
מײן טיש איז „געדעקט" און אין ווײסן;
אַ שטילע דערוואַרטונג, פון שטראַלן געפירט,
טוט שאָטנס צעטרײבן, צערײסן.

נאָר ס׳ווערן ניט טרוימען פאַרוואַנדלט אין וואָר,
מיין שוועל קושט די טריט ניט פון קיינעם,
מיין טיר און מיין פענצטער, זיי זיינען ביז גאָר
פאַרוועבט אין אַן עלנט אין איינעם.

אין פענצטער צעעפנטן רייסט זיך דער ווינט,
אין טיר קומט אַ מבול, אַ רעגן —
בליק איך צום הימל, און וויין ווי אַ קינד,
אויף גאָט׳ס ניט־פאַרשטענדלעכע וועגן.

**לוי גאָלדבערג**

# צו זיין אַ בוים

(י. פרידלאַנדן אַ מתנה)

איך וואַקס אין ווייסער ראָסע צו דערגרייכן הויך
ווי אין אַ וואַלד אַ בוים, צווייגן צו די שטערן.
גאָט דער היטער, ער באַשיצט מיך, אַז איך זאָל אויך
ווי בוים אין זיין פאַרפלאַנצונג ניט פאַרשניטן ווערן.

אין אַלע מיינע צערן, איז מיר אָפט געווען באַשערט
פרייד צו שניידן, ווי אין פעלד געריפטע קאָרן;
און לעבן מיט דער פרייד אויף אַ קאַלטער ערד
צו הונגערן נאָך ליד, ביז אין די רייפע יאָרן.

שניט פון בליץ, דונערקנאַל, און דער שטורם־שד,
זיי האָבן מיך געריסן פון דעם איינגעפּענטן נידער;
נאָר איך אין ווייסער ראָסע וואַקס ווי אָן אַ מינדסטן חטא,
צו זיין אַ בוים אין וואַלד, מיט מיינע בלעטער־לידער.

# אין אַלע זאַכן

אין אַלץ וואָס דיר באַשערט, און גאָט טוט דיר פאַרטרויען —
רמזים זיינען עס, געטייטלט שטום דורך זיינס אַ פינגער: —
אַז לעבן זאָלסטו אין זיין וועלט אויף אַ האָר ניט גרינגער
ווי יעדע פלאַנץ, וואָס ער באַשאַפט מיט זיינע זילבער־טויען.

נעם אַ דונער־שלאַג אויף פעלד. — דו אַנסט ווי פלאַנצן צאַפּלען
ווען רעגן־בייטשן בויגן זיי צו לאַסט — עס דוכט זיך אַז פאַרפאַלן; —
נאָר ניין! ווען אויף זיי צוריק פאַלט הייסער קוש פון זיינע שטראַלן,
זע, ווי זיי ציען זיך צוריק צום הימל מיט אַ תפילהדיקן פלאַפּלען.

און אַז דער ווינטער־שד, וואָס בייסט און רייסט פון זיי די קליידער־הויטן,
איז זע, ווי זיי זויגן פון דער מאַמע־פרילינג ווידער פרישע כוחות,
און ווידער וואַקסן זיי אין זייער שיינקייט, און דופּטן מיט די רוחות
אויף להכעיס די מחבלים, אַנשיקענישן, פון די פאַרשטעלטע טויטן.

איז וויים, אַז אַלץ איז דאָס אַ לערנונג. פאַרטיף זיך דו און לערן,
אַז גאָט וואַכט איבער דיר, טאָג און נאַכט, ווי אַ געהיימער שטערן.

## אָן, און מיט אַ ליד

אָן אַ ליד
בין איך די האַלאָוועשקע נאָך אַן אויסגערויכערט פייער.
מיין האַנט איז נאַכגעלאָזן ווי נאָך אַן אויסגעפירטן מאָרד.
איך קנויל זיך ווי אַ לעצטער ברענענדיקער טאָג פאַר ניי־יאָר —
פאַרלאָרן איז דער וועג צו אַ נייע געזונגען וואָרט.
איך ווער געזען: —
אַ שכן צו אַ שאָטן געטראָפן אויפן גוטן אָרט.

אָן אַ ליד
בין איך, אין יאוש, אַ פּאַסטוך אָן אַ פייפל.
פון אויג איז לאַנג שוין די טשערעדע שאָף פאַרלאָזט.
פון פעלד איז אויסגעגריזשעט פרילינגדיקער גראָז...
איז דאָס די רויב פון היישעריק? — צי שפיל פון טייוול? —
איך ווער געזען: —
ווי אַ מענטש פון גאָט אויף הפקר דאָ געלאָזט.

מיט אַ ליד
בין איך דער אויספירער און אויפנעמער פון מיינע חלומות.
גענאָדיקט איז גאָט'ס גאָב. — מיך ציט צו דער פּאָסט.
דורך איר הויבן זיך אויף מיינע לידער וואו רוים איז
ווי טויבן געטוליעטע, פון הייסן בוזעם געלאָזט.
זיי ווערן געזען: —
ביים פשוטן מענטש פון גאָטס וואָרט ניט פאַרלאָזט.

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"
אַפּצאָל 3 דאלער אַיאָר

**יהושע ריווין**

# איין וויג

געווידמעט מיין ליבן לוין

איין וועג אויף דער וואַגשאַל — אַ פאַלשער, אַ קרומער,
שוין פאַלסטו צום אָפּגרונד, און אוים מיט געלעכטער;
דער האַר פון די וועלטן, דער נוקם ונוטר —
איז ער ניט דער אייביק-גערעכטער?

זיין משפט, זיין אויספיר — ווער קאָן גאַר זיך שטעלן
זיין געטלעכן ווילן אַנטקעגן?
איז ער ניט דער היטער, דער שומר, דער מעסטער
פון לעבנ׳ס געקרייציקטע וועגן?

איין וויג אויף דער וואַגשאַל — אַ קרומער, אַ פאַלשער,
באַלד ווערסטו פאַרשוואונדן, און אוים מיט געלעכטער;
דער האַר פון די וועלטן, דער רחום וחנון —
איז ער ניט דער אייביק-גערעכטער?...

# טיף אין האַרצן

טיף אין האַרצן לעבט דער גלויבן,
לעבט די האָפענונג אויף גוט;
היים נאָך, זודיק, קוואַליק, ברויזיק
איז מיין האַרצנס בלוט.

טיף אין האַרצן לויכט נאָך ליכטיק
יוגנט׳ס אויסגעוועלבטער טרוים;
נישט פאַרוועלקט נאָך איז מיין גאָרטן,
נישט פאַרשניטן — מיין לעבנ׳ס-בוים.

# פרילינג

ליכטיק איז אין דרויסן,
ליכטיק אומעטום;
„פרילינג איז אין דרויסן!"
קוועלט די פרילינגדיקע בלום.

ליכטיק איז אין דרויסן...
איז דאָס האַרץ דערפרייט;
אַזאַ ליכטיקייט אין דרויסן!
אַזאַ ליכטיקער באַשייד!...

ליכטיק איז אין דרויסן...
פולע עמער ליכט!
אזא ליכטיקייט אין דרויסן,
אויף א איטלעכנס געזיכט...

## אונדזערע פאַרדינסטפולע קולטור קלוב טוער פון 39־טן זמן

קודם כל ווילן מיר דערמאָנען די פירנדיקע חברים פון דער היי־יאָריקער אַקציע לטובת דעם קולטור־קלוב, חבר יוסף וויינמאַן, פאָרזיצער, און שלמה צוקערמאַן, סעקרעטאַר. ביידע האָבן באַזונדערס זיך אויסגעטיילט מיט זייער אַקטיוויטעט צו שטאַרקן די קאַמפּאַניע, וואָס האָט באַדייטנדיק דערהויבן אונדזער הכנסה, אַ דאַנק זייער איבערגעגעבענער איניציאַטיווע.

חוץ מזה איז דער איינשטעל פון דעם אַפּאַראַט ביים קולטור־קלוב היי־יאָר, מיט קליינע אויסנאַמען, כמעט ווי ניט געביטן. די הויפּט אַקטיוויטעט האָט זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויף די צוגרייטונגען און פאָרמולירונגען פון די שבת־צונאַכטיקע ליטעראַרישע און קונסט־פּראָגראַמען פון קולטור־קלוב.

ווילן מיר דאָ איין דער ערשטער ריי דערמאָנען די פירנדיקע אַקטיווע חברים, וועלכע טראָגן די אַחריות פאַר די קולטור־פּראָגראַמען פון די אָוונטן.

דער קולטור־קאָמיטעט באַשטייט פון פאָלגנדיקע חברים: אליהו טענענהאָלץ, תנחום ברייס, סעם לעווין, אייב און מיני שוואַרץ, ש. בריינין, מאיר לעדערמאַן, ש. צוקערמאַן, יצחק סאַפּיאַן, עקז. סעקר. י. וויינמאַן; און י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

די עקזעקוטיוו און פאַרוואַלטונג פון קולטור קלוב באַשטייט פון דעם דער־מאָנטן קולטור־קאָמיטעט, צוזאַמען מיט דעם פינאַנץ קאָמיטעט: י. ליוואַק, משה ווינאַרסקי, אייב שוואַרץ; הויז פאַרוואַלטערס: מ. לעדערמאַן און פעי סאַפּיאַן; אַרכיוו און ביבליאָטעק, נתן אזאַלין; בריוו פאַרוואַלטער, מ. לעדערמאַן; און עטל סיגעלניק, טייפּיסטין.

אין דעם אַקטיוו פון קלוב באַטייליקן זיך די חברים: שרה ווינאַרסקי, שרה באַשע און חיים דאַרבאַ; אַנאַ און פייוול לערנער, י. פילד, מוסי פרידלאַנד, דאָרע לעווין, טילי ברייס, ליובע בריינין; מאַניא און מאָריס פאַרבער, ראָוז באַלאַט, מ. ליוואַק און צילי צוקערמאַן.

אַט־די אַלע דערמאָנטע חברים און חברות פון קולטור קאמיטעט, עקזעקו־טיוו, און פאַרוואַלטונג אין דעם אַקטיוו, האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם אַרבעטנ־דיקן אַפּאַראַט פון דער אַדמיניסטראַציע פון ל. א. יידישן קולטור קלוב פאַר דעם 39טן זמן, פאַר 1965־1964.

ווינטשן מיר אייך אַלעמען אַ געזונט יאָר, און געשטאַרקט זאָלן זיין אייערע הענט פאַר דער גוטער אַרבעט לטובת דעם קולטור־קלוב.

**פאַרוואַלטונג ל. א. קולטור קלוב**

מתתיהו אַשכנזי

# אַריינגעטראַכט און אַרויסגעזאָגט

אַנדערשקייט און טיפקייט זיינען ניט קלאָר; אויב אָבער ניט קיין אַנדערשקייט אין קרעאַטיוון שאַפן און נישט קיין טיפקייט, איז וואָס־זשע טאַקע יאָ דאָ? ווייל אָן דער אַנדערשקייט און אָן דער טיפקייט איז דאָך ניט שייך צו זוכן קיין קלאָרקייט. וואָס ווייטער און טיפער אַ שאַפונג איז אַלץ מער פּאָדערט זיך אַן אָנשטרענג צו דערגרייכן, צו דערגרונטעווען זיך צו קלאָרער פאַרשטענדלכעקייט. דאָס קען ניט אַרויסשווימען אויפן ערשטן אויגנבליק פון אויפמאַכן די טיר; מ׳דאַרף זיך אָריענטירן — אַרומקוקן און אַריינקוקן.

עס זיינען דאָ מענטשן וואָס לעבן יאָרן לאַנג אין אַ שטאָט און זי בלייבט זיי פרעמד. מער ווי צען בלאָק זיינען זיי ניט מסוגל אַריינצונעמען אין זייער מוח. אַלע מאָל בלאָנדזשען זיי. אָט־די נעמלעכע מענטשן בלאָנדזשען אין אַ בוך אויך; מער ווי צען (בלאָק) צען זייטלעך באַנעמען זיי ניט; זיי הייבן אָן בלאָנדזשען.

אומפאַרשטענדלעכקייט איז אַ זאַך איידער מען פאָרשט זי אויס, איידער מען לעבט זיך איין מיט איר. מיט אַ ווערק וואָס פאַרמאָגט אַנדערשקייט דאַרף מען זיך גוט איינלעבן. אָבער ניט אַלעמען גייט עס אין לעבן אַריין זיך היימיש איינצולעבן מיט אַ ווערק. יחידים טוען עס יאָ. ווערן זיי די אויטאָריטעטן, די מייסטער־מוחות — בני עליה — קאָמפּעטענטנע.

¶ וואו הייבט זיך אָן קלאָרקייט און ענדיקט זי זיך, אויב זי לאָזט זיך אויס? קלאָרקייט האָט דאָך אויך אַ גרענעץ; זי דערפירט צו טיפקייט, צו אַנדערשקייט, ווייל זי אַנטבלויזט פון פלאַכקייט און באַנאַלקייט; ניט אַזוי?

¶ מיר זאָגן: אַ קלאָרער הימל. ווי ווייט איז ער קלאָר?

¶ מיר זאָגן: טיף ווי דער ים. נו, וואָס בלייבט מיטן ברעג ים?

¶ טיפקייט האָט אירע ברעגן. נאָר פלאַכקייט בלייבט איינמאָסיק — פלאַך!

¶ דער אוניווערז איז אַוודאי אומפאַרשטענדלעך (מע וועט אים אפשר קיינמאָל ניט פאַרשטיין), פונדעסטוועגן גיט מען אויף צו פאָרשן זיין טיפקייט און גאָר אַ סך פון זיינע געהיימענישן ווערן פאַר אונדז קלאָר.

¶ מיר זעען דעם געדאַנק דורך סימבאָלן און באַגריפן. מיר נוצן: רויט, גרין, שוואַרץ; גוט, שלעכט, ביטער, ווען מיר שמועסן מיט מענטשן און מיר יאָגן זיך זיך אַזוי האַסטיק אין אונדזער זאַץ־געבוי, אַז אין דער שנעלער טעמפּאָ בעתן רעדן זעען מיר ניט די קאָלירן; דאָס אויער כאַפּט אויף די קלאַנגען, ניט דאָס אויג; אויך די אַנדערע חושים זיינען ניט מסוגל אויפצוכאַפּן די סימבאָלן, אַז דאָס אויג זאָל זיי זעען אין פולקייט; פונדעסטוועגן איז פאַר אונדז קלאָר די באַגריפן און די קאָלירן פונקט ווי מיר וואָלטן געקוקט אויף יעדן איינציקן באַזונדער. ניט אַזוי?

¶ ס׳איז פאַראַן אַזאַ בליץ־שנעלקייט, וואָס די חושים קענען זי ניט באַמערקן; אין אָט־דער שנעלער באַוועגונג איז שוין אויך די קלאָרקייט דאָ פאַרפולט קלאָר.

¶ צו אַ נאַטור־געזעץ דאַרף מען ניט קיין אַמענדמענט.

¶ דער מענטש קומט דאכט זיך פון כאָאָס אַרויס, אָבער ער וועט זיך ניט ענדיקן מיט כאָאָס. ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל דער שעפערישער מענטש איז דער גלויבער און פאַרגלויבטער אַז ס'וועט זיין כי טוב אין דער וועלט; אַ סימן: ער גייט אָן בכל יום ויום מיט זיין קרעאַטיוויטעט — בורא'שאַפט איז נצח מענטש.

¶ אינספּיראַציע איז דער שטאַרקסטער הונגער. מען „עסט" שוין אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור אויך, ניט זייענדיק הונגעריק...

¶ אונדזערע קלאַסיקער האָבן אונדז איבערגעענטפערט אַ גרויסע ליטעראַטור־ירושה פאַרן פאָלק, יידישע שרייבערס זיינען זי ממשיך; די צרה איז נאָר: זיי האָבן אונדז ניט איבערגעגעבן די אַדרעסן פון די יידן...

¶ די כאַאָטישע צייט האָט אונדז צוגעשטעלט שרייבערס, וואָס דער חורבן־היטלער האָט זיי געמאַכט פאַר שרייבערס און פאַרקערט: זיי מאַכן אָן אינעם שרייבן — אַ חורבן.

¶ געצייג האָט געמאַכט דעם מענטשן קלוג־דענקעוודיק; אים אַנטוויקלט זיין מאַרך.

¶ ליטעראַטור איז דאָס קאָמפּליצירסטע געצייג — — —

## אַ וואָרט צום לייענער

¶ כל זמן שרייבערס שרייבן, זיינען נאָך דאָ לייענערס וואָס לייענען. עס געפינען זיך אַזעלכענע „טשודאַקעס" אויך. שרייבערס און לייענערס וועלן אייביק זיין. אויך אָט דער געדאַנק נייטיקט זיך ניט אין קיין אַמענדמענט.

¶ דער אָפּטימיזם האָט אַ שותף צו זיך — פּעסימיזם. אויב מיר הייבן אָן זיך שטיצן אויף אָפּטימיזם איז טאַקע דאָס קעגנדיקע — פּעסימיזם. אָבער ווען מיר הייבן אָן באַלד מיט פּעסימיזם, איז זיין שותף — אָפּטימיזם...

* * *

צו דעם, אָפּטימיסטישער לייענער, וואָס ס'איז ביז איצט געזאָגט געוואָרן, איז כדאי צו ברענגען אַ חסידישן אַנעקדאָט, וואָס וועט אפשר דינען ווי אַ משל.

צו אַ רבין זיינען אַריינגעקומען צוויי חסידים און געבעטן ביי אים אַ תשובה פאַר זייערע זינד. זיי האָבן זיך פאַר אים פאַרטרויעט אַז זיי זיינען באַגאַנגען אַן עבֿרה און זיי זיינען גרייט צו ווערן בעלי־תשובה.

דער רבי האָט זיי אויסגעהערט און האָט נאָכדעם אַרויסגעגעבן זיין פּסק:

זיי מוזן זיך פּייניקן; דהיינו, זיי מוזן אַריינלייגן אַרבעס אין די שיך און אַרומגיין נע־ונד אַ יאָר צייט. אין אַ צייט אַרום האָבן די יידן זיך אָנגעטראָפן און איינער האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט פאַרן צווייטן:

— אוי, זישע לעבן, כ'קען שוין ניט אַריבערטראָגן.

— מיך, איטשע לעבן, אַרט עס ניט.

— סטייטש? ווי קומט עס? מיינע פיס זען'מיר שוין געשוואָלן. איך וועל עס ניט אויסהאַלטן.

— וואָס פאַר אַן אַרבעס האָסטו אַריינגעלייגט?

— ס'הייסט וואָסערע? טרוקענעם.

— ה־ה־ם! מנע! איך האָב אַריינגעלייגט געקאָכטן!

אָט דאָס איז די מאָראַל פון מיינע באַטיצן. פאַראַנען לייענערס וואָס ווילן זיין קלוג, ווי יענער חסיד. זיי ווילט זיך אויך, בנוגע ביכער, אָפּקומען מיט געקאָכטע אַרבעס...

נאָר קיינער נאַרט ניט אָפּ קיינעם. כאָטש דאָ בעט זיך צוצוגעבן אַן אַמענדמענט. נאָר ווער זאָל אים מאַכן?

לאָמיר טראַכטן מיט קאָפּ און מיט טראָפּ.

## פערציק יאָריקער יובל פון אַ יידישן דיכטער אין ישראל

אין נומער 49 „די גאָלדענע קייט" איז פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון גיטל מייזל וועגן יידישן דיכטער אין ישראל, י. פאַפּירניקאָוו, צו זיין 40 יאָריקן יובל פון ארץ־ישראלדיקער דיכטונג. זיין יובל איז געפייערט געוואָרן ביי אַ פול־געפּאַקטן זאַל אין תל־אביבער ליעסין־הויז.

גיטל מייזל שרייבט אין אַרטיקל צוו"א וועגן דיכטער דאָס ווייטערדיקע:

„געוויס וואָלט מען באַדאַרפט מאַכן אַ מין קינסטלערישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן סך־הכל פון דער לעגענדאַריש־שטורעמדיקער צייט פון די לעצטע פיר צענדליק יאָר. אָנהייבן דערמיט, ווי פריידיק און חדווהדיק מען האָט דאָ אין לאַנד ספּאָנטאַנערהייט געקרוינט י. פאַפּערניקאָוו פאַרן בעסטן ביי־ארץ־ישראלדיקן דיכטער, ניט בלויז אין יידיש, נאָר אויך אין עברית, מיט דער הסכמה פון ח. נ. ביאַליק."

וועגן זיין ביאָגראַפיע דערוויסן מיר זיך פון אַרטיקל:

„דער טאַטע און די מאַמע זיינען געווען קצבים. דער טאַטע, אין דער יוגנט אַ וואַנדערער, איז ביז'ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן געבליבן אַ טרוימער. שבת און יום־טוב ביים טיש האָט ער, אָנשטאָט זמירות, געזונגען העברעאישע און יידישע ציון־לידער, וואָס האָבן געטריפט מיט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, ווי ברענענדיקע ליכט."

## דער פּאָעט מאיר זימל טקאַטש

שטיל, ווי אַ למד־וואָוניק, איז דער דיכטער טקאַטש געקומען קיין ל. א., ווי זיין טבע איז, אָן איבעריקע טאַראַראַמען. ער וועט דאָ פאַרברענגען עטלעכע חדשים צייט. ער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער, איבערזעצונגען פון דעם אַמעריקאַנער דיכטער ראָבערט פראָסט. די קריטיק האָט זיך ערנסט אָפּגערופן וועגן דעם בוך.

דערווייל לאָזן זיך פריינט, לייענער, זיך וואוילגיין. געווען אַ מסיבה ביי די חברים, יעטע און שמחה גרעי, ביי גאָסיע סאַרטאָ און דזשעין קרופּ.

ל. א. צאָלט טריביוט צום יידיש־שעפערישן מענטש אויף איר וואַרעמען אופן לויטן קלימאַט נאָך. קאַליפאָרניע איז דאַנקבאַר פאַרן קומען צו אירע ברעגן.

א. כראַבּאַלאָווסקי

# קולטור־כראָניק

## יידיש דרינגט אַריין אין די הויכע פענצטער

דער זיבעטער באַנקעט פון לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, וועמענס אָנפירער עס איז ד״ר גרשון ווייבער, איז געווען אַ פריידיקע דערשיינונג אין אונדזער פאַראָרימטן יידישן קולטור־לעבן. ערשטנס איז אויף דעם באַנקעט געשאַפן געוואָרן די סומע פון 75 טויזנט דאָלער אין פאַרשידענע פונדאַציעס — אַ סומע וואָס איז ביז איצט ניט געהערט געוואָרן אין יידישן דערציאונגס־סעקטאָר. צווייטנס האָט ד״ר ווייבער צוגעצויגן צוויי מענטשן, ביז איצט ניט באַקאַנט אין יידיש־קולטורעלן לעבן. איינער פון זיי איז דאָרי שערי, פאָרזיצער פון אַנטי־דעפאַמיישאַן ליגע פון בני־ברית; דער צווייטער — ליאָ ראָסט, וועגן וועמען עס זיינען שוין געווען פריער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין דער יידישער טעגלעכער פרעסע וועגן זיין וואַרימער באַציאונג צו יידיש.

י. שמולעוויטש ציטירט אין „פאָרווערטס״ פון 22טן מערץ שערי׳ס דערקלערונג, אַז „דאָס יידנטום האָט ניט קיין המשך אָן יידיש, ווייל יידיש איז די נשמה פון אונדזער פאָלק — — — די יוגנט ווייזט אַרויס אַ גרויסן דראַנג צו די גייסטיקע ווערטן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין יידיש.״

לויט דעמזעלביקן באַריכט פון י. ש. האָט ליאָ ראָסט, וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ענגלישער ליטעראַטור, און איז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „לוק״־מאַגאַזין, גערופן „צו מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז יידיש זאָל איינגעפירט ווערן אין די „האַי־סקולס״, ווייל יידיש פאַרנעמט איצט אַ וויכטיקן פלאַץ אין אַלגעמיינעם אַמעריקאַנעם לעבן.״

לויט אַ ווענדונג צו אים פון אַן ענגלישן פאַרלאַג, גרייט אויך ראָסט צו אַ גרויס בוך אין ענגליש וועגן דער יידישער שפּראַך.

מען דאַרף דערצו צוגעבן די פריידיקע געשעעניש פון דער גרינדונג פון „יוגנטרוף״, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו קעמפן צווישן דער יידישער יוגנט אין אַמעריקע צו רעדן און באַקענען זיך מיט יידיש און אירע שאַפונגען.

## דער שווערער מצב פון די יידיש־קלובן אין די האַי־סקולס

אין היפוך צו דעם, וואָס איז פריער געזאָגט אין דער פריערדיקער נאָטיץ, לייענען מיר אין זשורנאַל „יוגנטרוף״ נומ. 2 אין אַ געניי און שאַרף געשריבענעם ערשטן אַרטיקל פון ל. ז. וועגן פאַרוואָרלאָזטן מצב פון די יידיש־קלובן אין די ניו־יאָרקער האַי־סקולס. ווי באַוואוסט, זיינען די יידיש־קלובן געשאַפן געוואָרן דורך איניציאַטיווע פון ש. דינגאָל ע״ה. אַ דאַנק אים איז געראָטן צוציען צו די קלובן אי טוערס, אי פינאַנציעלע אונטערשטיצערס. די צאָל קלובן זיינען דערגאַנגען ביז 18, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון איבער 400 תלמידים. די פריינט פון יידיש האָבן אויף די קלובן געלייגט גרויסע האָפענונגען.

אָבער „ש. דינגאָל איז געשטאָרבן. די מיטאַרבעטערס און געלטגעבערס

זייבן אָפּגעפּאַלן. מען האָט געבעטן דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס ער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג פון פּראָגראַם. דער קולטור־קאָנגרעס האָט ניט געוואָלט. מען האָט געבעטן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס — דערזעלביקער נעגאַטיווער רעזולטאַט. די אַחריות פאַר דער אַרבעט פון קאָמיטעט איז ביסלעכווייז געפאַלן אַלץ מער אויף י. נאַסקאָוויץ, קאָנסולטאַנט פאַר יידישע שולן ביים „יידישן דערציאונגס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק." קיין פּאַרזיצער איז ניט געווען. זיצונגען פון „קאָמיטעט פאַר יידיש אין די האַי־סקולס האָט מען גערופן אַלץ זעלטענער.

דער פּועל־יוצא — פון 18 קלובן איז געבליבן עלף. דער טאָן פון פּראָגראַם איז אַ דערשלאָגענער. מען האָפט נאָר אויף אַ שטילן און שנעלן טויט... אפשר וועט אַ מאָל עמיצער אַנדערש מצליח זיין.

דאָס אויבן־געזאָגטע איז אַ שווערע באַשולדיקונג קעגן דער גאַנצער יידיש־קולטורעלער געזעלשאַפטלעכקייט — און קעגן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס גאַנץ באַזונדער.

## אין קאַמף פאַר יידיש

פון 250 מיליאָן דאָלער, וואָס יידן אין אַמעריקע שאַפן פאַר אָרטיקע צוועקן, ווערט אָבער צוגעטיילט פאַר יידישער דערציאונג ניט מער ווי צען פּראָצענט. אין ניו־יאָרק איז די לאַגע אויף דעם געביט גאָר אַ קלאָגעדיקע, ווייל דאָ ווערט נאָר 4 פּראָצענט צוגעטיילט פאַר דערציאונג אין יידיש. יידן זאָרגן פאַר אַלץ און אַלעמען, אָבער ניט אין דער ערשטער רייע פאַר יידישער דערציאונג, וואָס פורעמט אויס אונדזערע נייע דורות?.

## אַ קורצע ביאָגראַפיע פון אַ יידישער דיכטערין

זי הייסט: חנה בושעל סאָלאָוו, און פאַרעפנטלעכט אירע לירישע לידער און אַנדערע שריפטן אין „חשבון". דער שרייבער פון די שורות, זייענדיק אין שטעטל וואו זי לעבט, אין עלסינאָר, האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט איר ביאָגראַפיע און אָט איז עס בקיצור:

חנה בושעל סאָלאָוו שטאַמט פון סלאָנים. דער טאַטע איז געווען אַ מלמד פון חומש און רש"י תלמידים און געהאַט פּרנסה ברווח. זי אַליין האָט געלערנט ביי אַ לערער רוסיש, האָט זיך באַקענט מיט דער רוסישער ליטעראַטור און אויך געלערנט יידיש ביי אַ יידישן לערער. קיין אַמעריקע איז זי געקומען אין 1910, דעמאָלט 19 יאָר אַלט. זי האָט חתונה געהאַט מיט ראַלף סאָלאָוו, אַן אינטעליגענטער מענטש, אין 1914. אין 1936 זייבען דערשינען אירע ערשטע לידער אין „דער פרייער אַרבעטער שטימע", אין „מאָרגן־זשורנאַל" און אין אַ גאַנצער רייע אַנדערע זשורנאַלן. ביז איצט האָט זי אַרויסגעגעבן צוויי ביכער לידער: 1) „מיינע בלעטער" אין 1950; 2) „לידער און אָפּשאַצונגען" אין 1960. איצט לעבט זיך אַליין (איר מאַן איז געשטאָרבן מיט אַ צייט צוריק) מיט אירע דערינערונגען און לידער.

חנה בושעל סאָלאָוו איז אויך געזעלשאַפטלעך טעטיק אין פּיאָנערן־פרויען, אין לייען־קרייזן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין עלסינאָר.

חנה בושעל־סאַלאָו:

# צו יענעם ברעג

אָ, אָדלער, נעם מיך אויף די פליגל
און טראָג מיך ווייט אַהין אַוועק!
דאָרט וואו געשטאַנען איז מיין וויגל,
ברענק מיך אַהין צו יענעם ברעג!...

דאָרט די קברים פון טאַטע־מאַמע,
שוועסטער, ברידער, אין זעלבער ערד...
איך וויל איילן, ניט פאַרזאַמען,
וואו דער הימל איז שטיל פאַרקלערט...

וואו די היילקע רוען לאַנג שוין,
נאָר קיינער קומט צום קבר צו —
דאָרט צו הערן געזאַנג פון פייגל
און אַרום אַזאַ שטילע רו...

און די ערד און יעדער זאַמד
איז מיר דאָרט נאָענט און אייגן —
אין אָט־דעם ווייטן, ווייטן לאַנד,
וואו כ׳בין געבאָרן און דערצויגן...

וואו די ערשטע טריט געשטעלט,
און אַלץ געזען מיט קלאָרע אויגן,
און ס׳בענקט מיר און ס׳קוועלט מיר —
כ׳וואָלט מיט פייגל אַהין געפלויגן!...

# נאָך א ליד

נאָך אַ ליד, און נאָך אַ ליד,
אַ גאַנצן בערגל שוין פאַרשריבן;
גיין און קומען זאָל מיין ליד
צו די ליבע, שטאָלצע יידן!

אַזוי פּשוט איז מאַמע־לשון,
און אַזוי נאָענט צום געמיט —
זאָל ליד מיינס, אָן פאַרדראָסן,
גיין צום בויער און צום שמיד!...

אָדער גאָר צו די שטערן,
אין אַ זומער בלויער נאַכט —
און געזאַנג ווען שטערן וואַכן
אויף די וועגן שטיל פאַרטראַכט.

דער וועג איז אָפן, דער וועג איז פריי,
מען דאַרף נאָר גיין און קומען;
אַז יעדער ליד איז דאָך ניי!
אפילו ווען ווינטן ווײנען ווײנען, ברומען...

און אַז שטערן פאַלן, פאַלן
אין טיף־בלויער זומער־נאַכט,
איז צו וואָס גאָר זיין געפאַלן,
ווען יידיש ליד איז ליב און צאַרט?...

ליבער קאָלעגע י. פרידלאַנד:

איך האָב נאָר וואָס באַקומען די מעלדונג פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב וועגן דעם אָוונט לכבוד מיינע דריי־פערטל יאָרהונדערט. איך דאַנק אייך און אַלע די, וואָס האָבן אויפגעטראָטן, ווי אויך אַלע באַטייליקטע אין דער פאַרזאַמלונג.

מיט קאָלעגיאַלן גרוס

אייער

א. גלאַנץ־לעיעלעס

שמעון וואוזעק

# אויף פרעמדע גאַסן

איך ווייס ניט ווער עס ציט געהיים מיין האַרץ צו מזרח,
ווען איך מוז אויף פרעמדע גאַסן יעדער פוס־טריט באָרגן.
דאָס טוט די זון מיט שטאַרק פאַרפירערישע פרילינג־ליכטער,
וואָס שווימט אַהער אויף בלויען שלייאַך פון מזרחדיקן מאָרגן.

אַ ווינטל צעגראַבלט וואַרעם־ווייך מיין בלאָנדן שויבער,
ווי אַ קעצל מיט סאַמעטענע לאַפּקעס, יונג־פאַרשפּילטע.
צעשיינט מיין יוגנט־אוצר אין זכרונס וואַנדערדיקן רענצל,
וואָס קילט די הייסע טריט אין קללה־טוך געהילטע.

אַ ליכטיק בליקל שפּאַלט זיך אויף די דמיון־פלאַנטער,
מיין געסל קומט פון מיין בענקשאַפט־וואַלד אַרויסגעריטן.
אָט רויטלט זיך דער בית־מדרש, די ספרים־שרענק נאָך דרימלען,
און צווישן שרענגעס הייזלעך שלאָפט דער מאַרק אינמיטן.

מיין שטעטל איז אָקערשט אויפגעוואַכט פון מידן ווינטער,
עס וואַשט זיך ערשט די נעגל, רייבט די פרומע אויגן.
די מאַמעס שרויפן־אויף די לאָדנס, וועקן די קינדער:
— קומט גיכער, מאַטקע, בערל, באָטשאַנעס קומען אָנגעפלויגן.

די זון צעגליטשט זיך שטיל אויף שטעטלס פרישן הימל,
און שיט אַראָפּ אַ מבול סטענגעס, גאָלדיק־העלע.
אין פליגל־לאַך פון אַלטן ווינטמיל צוויטשערט אַ שפּערלינג,
אויף ערשט־צעגרינטע לאָנקעס ווינקען בלימעלעך געלע.

דער פסח זינגט שוין הינטערן שוועל, דער ליבער פסח!
וואָס טוט זיך אין זלאָטע דער בעקערינס קעלער דרינען?
אַ ציכטיק מיידל־כאָר צעזינגט דאָס בלאַנקע פענטערל,
איי, מיין שטעטלס טעכטער וואַלגערן לידער אויף מצות דינע.

דאָס זיינען די שיינע כלות, אין שערצן כשר־ריינע.
שולמית־ליפּן גרייט צו גאָט פון אברהם צו בעטן.
די כישופדיקע צעפּ פאַרשלייפט אונטער ווייסע טיכלעך.
עס ברענט דער טייג, וואָס די פלינקע מיידל־הענטלעך קנעטן.

די קעלער טרעפּלעך קרום און פריילעך, ענג און ווארעם,
פארפּראפּט מיט חדר־יינגלעך, בעקלעך ממש פלאמען.
דאָס יידישע געסל רוישט, מען וואשט און ־אמט און כשרט,
און מצה־ריח וועקט ס׳געמיט מיט פסח־טער־ען.

און קעגנאיבער, ביי יונה בעקער, ברענט א יום־טוב!
די רעדלעך איבער שמירה־מצות חסידיש אנצן.
דעם רבינס ניגון קאָלערט פייער איבער וואלגער־העלצער,
די חסידישע אויגן העל מיט שכינה־ליכטלעך גלאנצן.

מיין זיידע, יונג מיט יראה אין ווייס־באראמטן פנים,
טוט ס׳הייליקע שמירה־מעל מיט בורנעם־וואסער מישן.
זייז זיקנה, יאָ, איך שווער דיר, איז נעלם געוואָרן!
איך זע נאָר יונגע חסידים ברעמען־טראָפן ווישן...

איך רייט ווי בליץ אהיים אויף וויכן צויבער־וואָלקן.
אין הויז איז טונקל. די לעמפּלעך גארן נאפּטן.
איך זיץ ביים פענצטערס בלויען אָוונט־לייוונט,
איך טרינק דעם שוים פון חדר־יאָרנס יונגע זאפטן.

ס׳איז אנדערש היינט דער אָוונט. מנוחה בעט אין לופטן.
דער פסח רירט שוין אָן די קליאמקע זאכט־בשתיקה.
דער טאטע ברעקלט ברויט אויף אלע טישן־עקן.
ס׳אזוי ציכטיק־ריין די הייזקע, גרייט צו חמץ־בדיקה.

ביים סדר־טיש איך זע זיך זיצן לעבן טאטן.
דער יום־טוב ליכטיקט. פסח־ווין אין גלעזלעך קליינע.
די מאמע פיין פארקעמט דעם שייטל, ווארט אויף קידוש,
די שוועסטערלעך פארפוצט אין קליידלעך נייע, ריינע.

ס׳איז שפּעט די נאכט. די שעה איז פאָרכטיק־הייליק.
די לעצטע כוסות — פול, די טיר איז קיל און אָפן...
דער אָטעם ווארט... שפּוך חמתך ציטערט... ליכטער טריפן.
מיין שוועסטערל, רחלע, אין מאמעס שוים שוין לאנג אנטשלאָפן.

אזוי בין איך אין חלומות הינטערן שטאָט פארבלאָנדזשעט
אויף פעדערנע טריט, צעבליצט פון דימיונס פארבן־פעכער.
א נאכט־ווינט, ברוגז־שאפט צעבלאָזט די אימהדיקע גאסן,
וואו שנאה קאָכט און רוגזה שוימט אריבער די דעכער.

לאָטי פ. מלאך

# „ספּעדיינע עוועניו"

(דערציילונג)

פון אַ קליינער הייזקע, אויף 511 מעידזשאַר סטריט, איז יעדער פרימאָרגן אַרויסגעקומען אַ הויכער יונגערמאַן און זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס אַראָפּ צו קאָלעדזש בולוואַרד. ער איז צוגעגאַנגען פינף בלאָק — אויסגעלייגט ווי אַן עלנבויגן — ביז דער ברייטער ספּעדיינע עוועניו. דאָרטן האָט ער גענומען די טראַמוויי און איז געפאָרן „אַפּטאַון" צו דער אַרבעט. אַזוי שוין אַכט, דאָס נייַנטע יאָר.

ער האָט געאַרבעט פאַר אַ פירמע, וועלכע האָט אין אירע פאַבריקן אויפגעמאַכט מענער־אַנצוגן און מאַנטלען פאַר אַ גאַנצער „נעץ" דעפּאַרטמענט געשעפטן (סטאָרס). ער איז געווען אַ גוטער שניידער און האָט געאַרבעט כסדר אַ קיילעכדיק יאָר, אַ זאַך מיט וואָס וויניק אַרבעטער זיינען געווען באַזאָרגט.

נישט געקוקט אויף דעם האָט געהויערט איבער אים אַ דינער שאָטן פון טרויער. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ מאַטער פייכטקייט. זיין שמאָלער, הויכער קערפּער האָט זיך ווי אָנגעשפּאַרט אָנעם ווינט.

גאָר אַנאַנדער געשטאַלט האָט דערזעלבער יונגערמאַן, פישל זילבערט, מיט זיך פאָרגעשטעלט בשעת ער האָט אין די אָוונטן זיך דערנעענטערט צום לאָקאַל פון דער אַמאַלגאַמייטעד יוניאַן. דער טראָט זיינער איז געוואָרן ברייטער, זיכערער; די באַוועגונגען — פרייע, אויפגעבונדענע. ער האָט באַצייטנס צעקנעפּלט זיין „קעשמיר"־מאַנטל, מחמת ס'איז אים שוין וואַרעם געוואָרן נאָך איידער ער האָט געעפנט די טיר.

ווי תמיד איז אין לאָקאַל געווען אַ רעש, אַ רויך, אַ פּאַרע, וואָס האָט ווי אַרויסגעקוואָלן פון דער געדיכטער מענטשן־מאַסע.

ביסלעכוויז האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעשיילט גרעסערע און קלענערע גרופּעס און יחידים. פישל האָט געזען ווי אַ כאַפּטע יונגעלייט האַלטן געפאַנגען דעם ביזנעס־אַגענט און ריידן אין אים אַריין מיט אַלע כוחות. אַ גרופּע יוגנטלעכע, צווישן זיי אויך מיידלעך, איז געשטאַנען אין אַ זייט און מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, ווייזט אויס טאַקע אויף אים, אויף פישלען. ווי נאָר זיי האָבן אים דערזען זיינען זיי צוגעלאָפן און אַלע אין איין קול: „מיר קאָנען זיך ניט דערוואַרטן; מיר קאָנען ניט צוקומען."

פישל איז צוגעגאַנגען צום ביזנעס־אַגענט און האָט אים אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דער פּלייצע. יענער האָט זיך אויסגעצויגן, איז ווי דינער געוואָרן און האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון דער ענגעניש. פישל איז מיט אים אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט. ריידנדיק אַזוי האָט ער אים אָנגעוויזן, מיט די אויגן, אויף די יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געשטאַנען ממש מיט פאַרבראָכענע הענט.

„וואָס־זשע טוט מען, סיימאָן, די חברה דאָ האָט די וואָך נאָך ניט געהאַט קיין שטאָך אַרבעט."

„די וואָך" איז געווען מאָנטיק אָוונט. נאָר דער דראַנג נאָך אַרבעט איז

ביי די יונגע אימיגראַנטן געווען גאָר אין לשער, און מאָנטיק איז אַוועקגעגאַנגען אַ ליידיקער טאָג.

כאָטש פישל זילבערט האָט זיך קיינמאָל ניט געשניטן אויף קיין פירער, האָט ער פונדעסטוועגן געהאַט אַנזען אין פאַך און ווען ער האָט גענומען דאָס וואָרט האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו זיינע רייד.

— קודם כל מוזט איר פאַרשטיין, חברה, אַז מיר אַלע ווייסן זייער וואויל, אַז דער ערשטער און דרינגענדיקער פונקט אויפן סדר היום איז אַרבעט, „דזשאָבס."

— אָט, אָט, אָטאָ, דאָס איז עס דאָך...

פישל האָט אויפגעהויבן די האַנט און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן.

— זיך צו דערהאַלטן, היינטיקע צייטן אויף אַ „דזשאָב" איז געוואָרן ממש אַ קונץ. פונדעסטוועגן דאַרף יעדער איינער, וואָס קריגט אַ טאָג אַרבעט, זיך באַטראַכטן פאַר אַ יוניאָן־מאַן און נישט גיין הינטן־אַרום בעטן טובות דורך באַקאַנטע אָדער לאַנדסלייט. מיר טאָר בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז פון דער נייער אימיגראַציע זאָל ווערן אַן ערב־רב.

נישט קיין וואונדער וואָס פישל האָט גערעדט אַזוי באַזאַכט. ער איז שוין געווען אַ יונגערמאַן אין די מיטעלע יאָרן. „מיטעלע" „יאָרן" האָט ביי די זיבעצן, אַכצן און צוואַנציק יאָריקע פאַרדינער געהייסן אַ מענטש פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. און פישל איז דאָס געווען.

ער האָט געוואוינט, ווי יאַלע פון זיינס גלייכן, ביי יענעם אין אַ צימער. אַ פיין מעבלירט שלאָפצימער, ציכטיק, ריין. אַ גלאַנציקער קאָמאָד מיט אַ הויכן שפיגל, אַ טאָפּלט בעט (אַזוי האָט מען אין יענע יאָרן פאַרדונגען), אַ פענצטער מיט ווייס געקראָכמאַלעטע פירהענגלעך, אַן לאָמער איינגעבויט אין דער וואַנט; איינאיינציק בענקל, ווי אונטערצושטרייכן אַז ער וואוינט אַליין. קיין טישל איז ניט געווען, וואָרעם געגעסן האָט מען ניט אין די צימערן — אויף דעם איז געווען ספּעציינע עוועניו מיט איר יידישע רעסטאָראַנען. און אויב ער האָט געוואָלט שרייבן אַ בריוו אַהיים, האָט ער צוגערוקט דאָס בענקל צום קאָמאָד.

* * *

זונטיק, די זון האָט זיך גאַנץ פרי אַרויסגערוקט פון איר באַהעלטעניש און האָט אַרומגענומען די וועלט מיט הייסער ליבשאַפט. פישל האָט פאַררוקט דאָס ווייסע פירהענגל אין אַ זייט און האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האָט געזען ווי די יונגיטשקע מרס. מעסטל, מיט די צעפּאַטלטע, נאָך נישט פאַרקעמטע האָר, האָט אַרויסגעפירט איר קליין טעכטערל פונעם הויז אין פאַרשטאַכטעוועטן גערטנדל אַריין, איר אָנגעטאָן אַ בלוי פאַטשיילקעלע אויפן קאָפּ און האָט זי אָפּגעלאָזט מוטער נאַקעט זיך שפּילן אין אַ קעסטל זאַמד.

דאָס קינד האָט זיך פאַרשפּילט אַ ווײַלע ביז זי האָט האָט דערזען די קאַץ, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן מיטן בויך אַרויף און האָט זיך איבערגעגעבן דער הנאה פון דער וואַרעמער זון. איז דאָס קינד געפאַלן אויף אַן המצאה: זי האָט אַראָפּגענומען דאָס טיכעלע פון איר קעפּל און האָט עס אָנגעטאָן דער קאַץ. די קאַץ האָט אָפן אַרויסגעוויזן איר אומצופרידנהייט. זי האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעשאָקלט פון זיך דאָס טיכעלע און איז אַוועק זיך צולייגן ביים פּלויט.

דאָס קינד — נאָך איר. אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די מאַמע איז אַרויסגעקומען צו לייזן דעם שטומען וויכוח.

פישל האָט אַראָפּגעקוקט פון ערשטן שטאָק און האָט געשמייכלט צו זיך אַליין. צי וועט ער ווען האָבן עפּעס וואָס זיין אייגנס? אַ קינד, למשל? וויאַזוי וועט עס אויסזען? און וואָס וועט עס זיין, אַ מיידעלע צי אַ יינגעלע? ווער וועט זיין זיין מאַמע? זי האָט לאַנג געטראַכט און זיך ניט געקאָנט דערטראַכטן, ווער דאָס וועט זיין. דאָס הייסט, ערגעץ־וואו אין דמיון האָט יאָ אַרומגעפלאָטערט אַ געשטאַלט פון אַ מיידל מיט צעפּלאָסעטע רויטלעכע האָר, נאָר זי איז געווען אַזוי ווייט פון אים, אַזוי ווייט, אַז ער האָט אפילו ניט געקאָנט אויסשטרעקן זיין באַגער צו איר.

ווען נישט דער זונטיק וואָלט ער אפשר גאָרניט געוואוסט אַז ער איז אַזוי עלנט. שוין וויפיל מאָל ער האָט אין זין געהאַט אויף זונטיק זיך עפּעס צו פאַר־גרייטן. כאָטש מיט חברים זיך באַשטעלן עפּעס צו טאָן, אָדער צו גיין ערגעץ. איז ער אָבער אַ גאַנצע וואָך אַזוי פאַרנומען מיט זיצונגען, קאָמיטעטן, יוניאָן, לאַנדסמאַנשאַפט, אַז פּלוצלינג, ווי פון הימל אַראָפּ, גיט זיך אַ שטעל דער זונטיק און ער איז איינער אַליין.

אין אַזעלכע מאָמענטן גייט ער ניט אַרויס אויף ספּעדיינע עוועניו. ניין. מען קאָן דאָך ניט אַרויסטראָגן דעם אומעט אויף דער גאַס...

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען און זיך געפירט מישלס לאַנדסמאַן, יונה מאַרקוס, בערך פון זעלבן עלטער. ער איז גראָד שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ געלעכטערל אויף די ליפּן, ווי ער וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער וועלט.

ער איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער, אַ זשוואַווער מענטשל, וועמען אַלע האָבן געהאַלטן פאַר זייער אַ פּעאיקן. כאָטש אין וואָס זיין פּעאיקייט איז באַשטאַ־נען האָט מען ניט געקאָנט אַזוי לייכט פעסטשטעלן. צום שאַפּ האָט ער זיך ניט צוגערירט. וואָס־זשע אַלע, טאַקע אַלע, מוזן עס גיין אין שאַפּ אַריין? ער האָט זיך, ברוך הי‎ים, אין דער היים אויך אַדורכשלאָגן אַן אַרבעט. זאָל ער דאָס ניט קאָנען באַווייזן אין דעם ריזיק גרויסן לאַנד, קאַנאַדע, ובפרט, אַז ער פאַרלאַנגט אַזוי ווייניק פון דעם לאַנד. אַ צימערל — פיר איילן די ברייט, אַן אייזערן בעטל, אַ הינקענדיק טישל מיט צוויי בענקלעך, יאָ, צוויי בענקלעך. נו, האָט ער ניט קיין קאַמאַד פון „מאַהאָגאַני״ איז וואָס? אַי ס'איז קאַלט אין שטוב, זאָגט איר? רייבט מען זיך די הענט. אָט זעט ווי יונה טוט עס אַזוי פלינק און געשיקט. דערפאַר האָט ער זיין אייגנס אַ קאָראָנאַ יידישע שרייבמאַשין, אָפּגעשטעמפּלט 1900 פונקט ווי אויף זיין מעטריקע. און פון אָט־דער קאָראָנאַ האָט יונה געפאַ־דערט און טאַקע אַרויסגעקראָגן אויך אַ צמצומדיקע חיונה, אַזוי צמצומדיק, אַז אַן אַ גמילת חסדל, פון צייט צו צייט, וואָלט ער זיך ניט געקאָנט דערהאַלטן ביים לעבן.

דער דאָזיקער מצב האָט אים לגמרי ניט געשטערט צו זיין גוט אויפגעלייגט און צו זשמורען פאַרשייט מיט זיינע קליינע אייגעלעך, גלייך ער וואָלט נאָר וואָס אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע שפּיצל.

פון דעם דאָ געזאָגטן וואָלט מען געקאָנט מיינען אַזוי יונה איז געווען אַ שרייבער. חלילה. ער איז געווען אַן איבערשרייבער. אויב עמיצער האָט

געהאַט אַ מאַנוסקריפּט מיט טעלעכע דאָלער האָט יונה דערפון געמאַכט אַ לייט. אונטער די „קלאַווישן" פון דער קאַראָגאַ האָט דער מאַנוסקריפּט געקראָגן גאָר אַ פיינעם אויסזען. דעסגלייכן אַ ראָלע. אויב עמיצער האָט זיך פאַרליבט אין אַ ראָלע און אים (אָדער איר) האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער קאָן זי שפּילן, איז ער געקומען מיט איר, מיט דער ראָלע, צו יונהן, ער זאָל זי אים „צופּיקסן." מען מוז צוגעבן, אַז יונה האָט געוואוסט וויאַזוי צו באַהאַנדלען אַ ראָלע און זי מאַכן אָנציענדיק. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט ביז יונה איז געוואָרן אַ „מאַכער" אַרום יידישן טעאַטער. וואָס הייסט אַ מאַכער? ער איז ניט געווען קיין אונטערנעמער, קיין רעזשיסאָר, קיין אמרגן; אויף דעם דאַרף מען האָבן געלט און נאָך עפּעס. און יונה האָט פון די אַלע זאַכן גאָרניט געהאַט. דערפאַר האָט ער אָבער יאָ געהאַט די יידישע שרייבמאַשינקע, אויף וועלכער ער האָט געקלאַפּט טאָג ווי נאַכט און האָט אַרויסגעקלאַפּט פון איר נאָטיצן, ראָלעס, סצענאַריעס און... נאַכט און האָט אַרויסגעקלאַפּט פון איר נאָטיצן, ראָלעס סצענאַריעס און...

שלעכט איז נאָר געווען אין די צווישן־סעזאָנען, ווען יונה איז אַרומגעגאַנגען אַן איש תועה און טרויעריק געשמייכלט: אפשר קאָן מען ביי אייך לייען אַ פינף־און־צוואַנציקער? כאָטש אַ צענערל. שאַט, איר ווייסט ווער ס'קומט אַהער גאַסטראָלירן? צילי אַדלער — און זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט מיט דערוואַרטונג.

כאָטש קיין שטענדיק יידיש טעאַטער איז אין טאָראָנטאָ ניט געווען, זיך ניט געקענט אויסהאַלטן אפילו אין יענע „גוטע צייטן", פלעגן אָבער קומען אָפטע גאַסט־טרופּן: מאַלי פּיקאָן און יעקב קאַליך, סטעלאַ און צילי אַדלער מיט אַן אנסאַמבל, דאָס יידישע קונסט־טעאַטער מיט מאָריס שוואַרץ בראש. הקיצור, די שטאָט האָט געגאַסן פון די בעסטע אויפפירונגען ביז צו די סאַמע מיטלמעסיקע קאָמעדיעס און יונה מאַרקוס איז געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אָפּשרייבער און איבערשרייבער פאַר דער יידישער בינע.

חברה יוגנט, פאַרשיכורטע פון אַרבעט און יוניאָן, האָבן פון אים חוזק געמאַכט:

— ער איז אַ בטלן.
— ער איז אַ ליידיקגייער.
— עס מאַכט אים ניט אויס וואָס פאַר אַ טעאַטער, אַבי „טריאַטער".
— ער פירט מאַדאַם וואָלערשטיין צו דער חופּה.
— ער גייט מיט מאָריס שוואַרץ הקפות.
— ער ברענגט מנחם רובין פאַר אַ קרבן.
— ער פירט לאַזאַר פריד צו דער עקדה.
— ער טראָגט חנה אַפּל אויף די הענט.
— ער פאַלט פאַר זיי כורעים.

אומבאַרמהאַרציקע יוגנט! יענער איז מיט לייב און לעבן געווען פאַרקאָכט און פאַרליבט אין יידישן טעאַטער, צי האָט יאָר עפּעס געוואוסט וועגן דעם?

ווען אַל העריס און וויקטאָר פּעקער זיינען געקומען צום צווייטן מאָל קיין טאָראָנטאָ האָט יונה מ. גאָר אויפגעלעבט. ער איז געוואָרן פולבלעך אויפן פּנים און האָט זיך צום ערשטן מאָל, זינט ער איז אין טאָראָנטאָ, באַוויזן אין אַ ווינטער־מאַנטל. די צוויי אַקטיאָרן האָבן אים אַריינגענומען אין דער מיט, ווי זייערס

אַן אייגענעם מענטשן. און דאָס איז דאָך וואָס יונה האָט נעבעך געוואָלט, צו דעם האָט ער דאָך געשטרעבט, און אויף דעם האָט ער אַלע יאָרן געהאָפּט, צו ווערן אַן אייגענער ביים יידישן טעאַטער. און ער איז עס געוואָרן. אויף זיין אייגענעם שטייגער און לויט זיין אייגענעם באַדינג איז ער עס געוואָרן.

דער קאָנטראַסט — אַל העריס, דער גוטמוטיקער שלימזל, און וויקטאָר פּעקער, דער שטרויענער גזלן — זיינען אין דער אמתן געוועזן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט אין זייער צוזאַמענשפּילן. ס'האָט געשפּרודלט פון זיי מיט הומאָר און חריפות אין לעבן אַזוי גוט ווי אויף דער בינע און יונה איז געוואַקסן מיט דער גדולה.

עס זיינען אַוועק גאַנצע וואָכן מיט יום־טובדיקע אָוונטן. זייערע ווערטלעך און זאָגעכצער האָבן אָנגעפילט יידישע שטובן און האָבן זיך געקייקלט פון די מיילער פון הונדערטער און טויזנטער יוגנטלעכע. און יונה האָט געפילט, אַז עס האָבן זיך געלוינט אַלע הונגעריקע טעג און חדשים אַבי צו ווערן אַ טייל פון דעם אַלעמען, אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער בינע. קיין שום טרופּע, וועלכע האָט גאַסטראָלירט אין טאָראָנטאָ, האָט זיך שוין אָן אים און אָן זיין קאָראָנא נישט געקאָנט באַגיין.

* * *

די ניי־איינגעוואָנדערטע אימיגראַציע האָט זיך אויסגעשפּרייט און זיך ארומגעוועבט אַרום עטלעכע רעשיקע, אינדוסטריעלע הויפּט־גאַסן: דאַנדעס סט., קאָלעדזש בולוואַרד, קווינס און ספּעדיינע גאַסן.

ספּעדיינע עוועניו מיט אַלהאַמבראַ האָל, מיט לייבאָר לייסעאום, מיט היימאַנס בוך־געשעפט, מיט וואָלערשטיינס „דראָג סטאָר", מיט דער „ביוועך דרעס קאָמ־פּאַני", מיט „פּראָמט פּרעס", מיט דער ברייטער גאַס שפּאַצירנדיקער יוגנט, מיט כמורנע, 48 לאַנג־שעהדיקע אַרבעט־וואָכן און שפּעטע, ברויזנדיקע אָוונטן.

דאָס לעבן איז געוואַקסן, איז געוואָרן פול און פולער, און ווי ניט ווי איז יעדער איינער, לויט זיינע השגות און פעאיקייטן, מיטגעוואַקסן, אַריינגעוואַקסן און אַרומגעוואַקסן געוואָרן, ווער מיט האָב און גוטס, ווער מיט נאָענטע און איי־גענע און ווער מיט אָנזען און פּרעסטיזש. און וועמען גאָט האָט געגעבן מיט דער פולער האַנט — מיט אַלע זאַכן צוזאַמען.

אין גאַס, דער עיקר טאַקע אויף ספּעדיינע עוועניו, האָבן זיך אָנגעהויבן וויזן די ערשטע שפּראָצן פון אַ נאָכוואוקס, אַ סימן אַז דער ישוב שלאָגט וואָרצ־לען. גראַד די יינגסטע צווייי, ישראַלקע און שיינדעלע, האָבן זיך אויסגעשיילט פון דער מאַסע יוגנטלעכע און האָבן אָנגעהויבן גיין באַזונדער. באַלד דערויף האָבן זיי חתונה געהאַט. שיינדעלע איז געקומען קיין קאַנאַדע מיט דער מאַמען. זי האָט דעם שאָפ ניט פאַרזוכט. — די איין־און־איינציקע וועלכע האָט דעם שאָפ ניט פאַרזוכט. דערפאַר האָבן אירע בעקעלעך טאַקע געבליט ווי רויטע קאַלענעס אין ווייסן שניי. איז נישט קיין חידוש וואָס דער שיינער, הויכער ישראַלקע האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר, אַז מער ווי דריי חדשים האָט ער ניט געוואָלט „אַרומגיין."

אַבראַם, דער ביזנעס־אַגענט פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, איז אין אַ שיינעם טאָג געקומען אין זיין אָפיס אַריין מיט אַ מיידעלע אויף די הענט. ער האָט דאָס

קינד אָוועקגעזעצט אויפן שרייבטיש און זיך גענומען צו דער אַרבעט. נאָר ער האָט ניט געהאַט מיט וועמען עפּעס וואָס צו פאַרהאַנדלען. די קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען געקומען זוכן „דזשאָבס", האָבן איצט געזוכט ביים קינד אַביסעלע חסד, אַ שמייכל, אַ חנדלעל.

רייזעלעס קינדער־גאָרטן איז געווען דער לייבאָר לייסעאום. זי האָט אַלע־מען געקענט און אָנגערופן ביים ערשטן נאָמען. און אויב עמיצער האָט זיך ניט גלייך אומגעקוקט אויף איר, האָט זי געשלעפּט ביי די הויזן און געבעטן: „קום אַראָפּ, קום אַראָפּ." גלייך יענער וואָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער לייטער.

צי האָט אַבראַם פאַרשטאַנען די גרויסע בענקשאַפט וואָס האָט באַהערשט די יוגנטלעכע און מיידלעך? שווער צו זאָגן. נאָר ער, להיפּוך צו אַ סך אַנדערע טאַטעס און מאַמעס, האָט זיין קינד ניט געקאַרגט: זאָל מען זיך שפּילן מיט איר, זאָל מען איר אויסקושן יעדער אבר, עס גייט אים ניט אָן. און עס האָט דעם קינד, ווייזט אויס, גאָרניט געשאַדט. ס'איז געוואַקסן ווי אַ בלימעלע אונטער די שטראַלן פון גרויס ליבשאַפט און האָט געקוויקט אַלעמען דאָס האַרץ.

נאָר איינצעלנע, יחידים, זיינען ניט אַרומגעוואַקסן געוואָרן, ניט מיט אייגענע און ניט מיט נאָענטע. זיי זיינען געבליבן אַליין, הויל, נאַקעט, ווי שטיינער אין מדבר.

קיין שום באַשעפעניש אויף גאָטס ערד איז ניט אַזוי טיף עלנד, ווי אַ יונגער־מאַן, וועמען ס'האָט אויסגעמיטן זיין באַשערטקייט. ער נעמט די גאַנצע שולד פונעם גורל, פונעם פּשוטן צופאַל, אויף זיך, בישט אַנדערש נאָר ער אַליין אזי שול־דיק אין דעם, בישט געווען קלוג גענוג, בישט געוואַגט גענוג, נישט פלינק גענוג...

* * *

געטראָפן האָבן מירביידע חברים, פישל זילבערט און יונה מאַרקוס, אַנו־מעלטן אין לאָס אַנדזשעלעס. זיי זיינען נאָך אַזויפיל יאָרן ווידער געוואָרן פריינט; וואוינען בשכנות, האַלטן זיך צוזאַמען; נאָר, זיי האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. ס'איז גראַד פישל, וועלכער שפּאַצירט היינט אַרום מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין אויסגעפּילטן פּנים. מען זעט, אַז אויף דער עלטער טריאומ־פירט ער איבער די אויסגעבענקטע טעג און נעכט פון זיינע יונגע יאָרן. אַ געמיטלעכע רואיקייט נעמט אַרום זיין גאַנץ וועזן.

נאָר יונהן גייט קיין שום זאַך ניט איין. גראַד ער ליידט פון מתח הנפש און ליידט שטאַרק.

— וואָס קוקט איר אונדז אַזוי אָן?

— פאַרוואָס זאָל איך אייך ניט אָנקוקן? מיר האָבן זיך שוין לאַנגע יאָרן ניט געזען.

— איר מיינט צו זאָגן מיר האָבן זיך געעלטערט, האַ?

— מיר אַלע עלטערן זיך.

— ווער איז דער „מיר"? וואָס־זשע, איר רעכנט אייך שוין אויך אַריין אין אונדזערע יאָרן?

— כמעט.

— כמעט, עי? — האָט פישל איבערגעפרעגט און זיינע ליפּן האָבן זיך

געקרייזלט אין אַ גוטמוטיקן שמייכל. מען זעט באַשיינפערלעך אַז ער האָט שלום געמאַכט מיט דער גאַנצער וועלט.

— איר קוקט אויס געזונט ווי אייזן — האָט זיך יונה אויפן אַלטן שטייגער אַ וויצל געטאָן. דערזעלבער יונה. נישט געמינערט אַ האָר ניט.

— און דאָס טעאַטער אונדזערס איז דערוויל אונטערגעגאַנגען — איז ער פלוצלינג געוואָרן מעלאַנכאָליש. — פאַר אונדזערע אויגן איז עס אָפּגעגאַנגען און אַראָפּ פון דער סצענע. איר ווייסט? — האָט ער אין איין אָטעם פאַרגעזעצט — איך האָב אַ „הערמעס".

יונה האָט קיינמאָל ניט אָנגערופן אַ שרייבמאַשין — אַ שרייבמאַשין. נאָר ביים נאָמען האָט ער זי גערופן, ווי להבדיל אַ מענטש. — די „אונדערוואוד" מאַכט קונצן; „רעמינגטאָן" וויל זיך שוין אָפּרוען; די „קאָראָנאַ" האָט זיך אויסגעדינט אירע יאָרן.

— מיין „הערמעס" איז אַ יפהפיה — האָט ער געזשמורעט מיט זיינע קליינע אייגעלעך. — קומט, איך וועל זי אייך פאָרשטעלן (די שרייבמאַשין, הייסט עס).

ער איינער האָט ניט שלום געמאַכט מיט זיין גורל. ער איז פול מיט אומרו. דאָס אַרומשפּאַצירן אויף „מיראַקל מייל" (אַ פּרעכטיק שיינע געגנט אין ל. א.) מיינט צו אים לגמרי גאָרניט. גראָד אויף די עלטערע יאָרן קאָן ער זיך ניט אונטערגעבן דעם ליידיקן אַרומשפּאַצירן. והראיה, ער האָט זיך ערשט איינגעהאַנדלט אַ שפּאָגל־נייע שרייבמאַשין און וואַרט אויף אַ ראָלע.

# אַ דאַנק צו אונדזער אליהו טענענהאָלץ

ווען דאָס מאַטעריאַל פאַר׳ן היינטיקן טאָפּל־נומער „חשבון" איז שוין געווען כמעט איינגעזאַמלט, זיינען סיי אונדזער רעדאַקטאָר, י. פרידלאַנד, און סיי דער סעקרעטאַר, מאַטעס דייטש, פאַרשלאָפט געוואָרן און נישט געקאָנט אָנגיין מיט דער אַרבעט פאַר׳ן זשורנאַל. (מיר ווינטשן דיביידע חברים אַ רפואה שלמה!)

אויף אונדזער פאַרלאַנג, איז די גאַנצע טעכנישע אַרבעט און אויך אַ צאָל נויטיקע נאָטיצן, כדי דער „חשבון", וואָס איר לייענט איצט, זאָל דערשיינען אין צייט, געטון געוואָרן מיט איבערגעבנקייט פון אונדזער חבר, אונדזער אליהו טענענהאָלץ.

זאָגן מיר צו אים: —

אַ האַרציקן דאַנק און אַ יישר־כח.

פאַר׳ן ל. א. יידישן קולטור קלוב

די פאַרוואַלטונג

**א. באַביטש**

# פעדער־שפּריצן

קיין זאַך מאַכט ניט אַזוי אַלט, ווי דאָס אייביקע שטרעבן יונג צו זיין...

* * *

אין אילת, ישראל, איז פייערלעך געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר אַן איינריכטונג, וואָס וועט אַנטזאַלצן ים־וואַסער לויטן סיסטעם פון אינזשענער זרחין. ווען דער אויבערשטער העלפט נאָר, אַז דער פּרייז פון דעם דאָזיקן אַנט־זאַלצטן וואַסער זאָל ניט זיין קיין געזאַלצענער, זיינען מיר ווירקלעך געראַטעוועט.

* * *

ווען גאָלד איז דער גאָט, איז געלט — זיין געבאָט...

* * *

פון גליק צום אומגליק אין איין שריט — פון אומגליק ביז צום גליק איז מיילן ווייט.

* * *

איין געדאַנק ווערט געבוירן פון אַ צווייטן געדאַנק, גלייך ווי איין ליכט צינדט מען אָן פון אַ צווייטן ליכט.

* * *

צופיל רעכענען זיך איז אַמאָל אַזוי שלעכט ווי זיך גאָרנישט רעכענען...

* * *

אַז ס'איז נישטאָ קיין 100 פּראָצענט פולקאָמענהייט, דאַרף מען זיך רעכענען מיט 75 פּראָצענט.

* * *

וואָס שוואַכער דער מענטש איז, אַלץ מער וועט אים דער צווייטער זוכן ווי צו טאָן...

* * *

דאָס זוכן אַ מיידל מיט אַלע מעלות דערפירט זעלטן צום ציל; עס איז אָבער אַן אָנגענומע באַשעפטיקונג.

* * *

פאַראַן צווייערליי פרויען — אַזעלכע וואָס קאָנען ריידן וועגן יעדער טעמע, און אַזעלכע וואָס דאַרפן ניט קיין שום טעמע אויף צו ריידן.

* * *

אַ שלעכטער זכרון טאָר זיך נישט געטרויען; אַ גוטער זכרון דאַרף זיך נישט געטרויען.

די צרה מיט אַ שלעכטן זכרון איז, וואָס מען פאַרגעסט זיך, אַז מען האָט אַ שלעכטן זכרון.

* * *

עס איז לייכטער צו געפינען ביי אַנדערע חסרונות, ווי ביי זיך מעלות.

* * *

אַז גאָט גיט מיטן לעפל, גיבן שוין מענטשן מיטן טעפל.

יצחק ניומאַן

# דער יום־טוב סוכות

יידישע ימים־טובים זיינען אונדז ליב און טייער, ניט בלויז ווייל זיי זיינען דער געבאָט פון דער תורה, נאָר אויך צוליב דעם נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן נוצן וואָס זיי טוען פאַרשענערן די פירונגען פון מענשטן און דערנענטערן די הערצער פון יידן אייענער צום אַנדערן, און דורכדעם ווערט אָפגעהיטן דער קיום פון פאָלק אויף אייביק. נאָך אַט־דער קורצער הקדמה וועלן מיר זיך באַמיען צו ריידן וועגן דער ראָל און באַדייטונג פון סוכות.

עס איז דאָ פיל צו ריידן וועגן ימים־טובים בכלל, און וועגן יום־טוב סוכות בפרט, ווייל סוכות קומט אין סוף פון די סעזאָנען, און רופט זיך מיט פיל נעמען, ווי: חג האָסיף — דער יום־טוב פון איינזאַמלונג די תבואות און פרוכטן; זמן שמחתנו, החג — דער יום־טוב. אַ חוץ דעם אַלעם איז צום יום־טוב סוכות צוגעבונדן די ימים טובים ראש השנה, יום־כיפור, הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה, מיט אַלע פאַרשידענע וואַריאַציעס, דינים און מנהגים.

יעדער יום־טוב איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער פאַסירונג פון אַמאָל, וואָס אונדזערע אָבות אין יענע דורות האָבן געוואָלט מיר זאָלן אָפהיטן ביז דעם סוף פון די דורות. די יידישע מסורה ווייסט ניט פון מוקדם ומאוחר — פון פריער און שפּעטער, ווייל די חכמים זאָגן: „מיר, צוזאַמען מיט אונדזערע אייניקלעך, זיינען געשטאַנען מיט אונדזערע זיידעס צוזאַמען ביים באַרג סיני, און אויך מיר באַדאַרפן זיך פילן — זאָגט זיך אין דער הגדה — אַז מיר אַליין זיינען אַרויס פון מצרים.״

מיר יידן פאַרמאָגן אַזאַ לאַנגע טויזנט־יאָריקע געשיכטע, אַז יעדע תקופה, אין לויף פון די יאָרן, האָט צוגעגעבן אַ נייעם תוכן. דעמאָלט, ווען יידן זיינען געווען נאָך אין מדבר און זיך אָפּגעגעבן מיט פי־צוכט און אַגריקולטור, איז חג הסוכות געווען דער יום־טוב פון פויערשע פייערטעג — אַ נאַטור־יום־טוב. שפּעטער, ווען יידן האָבן געלעבט אין ארץ־ישראל און זיך אָפּגעגעבן מיט האַנדל און אינדוסטריע, אויך מיט שיינע וויינגערטנער, האָט די סוכה פאַרגעשטעלט דאָס אַראָפּנעמען די ווינטרויבן.

אין דער צייט פון יאָר, ווען די וועכטער זיצן אין סוכות, ווען דער בית המקדש איז געווען אין זיין פראַכט, איז צו סוכות צוגעקומען דער זמן שמחתנו, מיט די צערעמאָניעס פון לולב און אתרוג, פון די ארבעה מינים — סמנים פון צייטיקע פרוכט...

* * *

ביי דאָרפישע מענטשן, וועלכע זיינען געווען דער רוב מנין ובנין, ביי זיי איז סוכות, מער ווי די אַנדערע גרויסע פייערטעג, געווען די פריילעכסטע צייט, מחמת אין סוף פון די סעזאָנען זיינען אַלע געווען פריי פון אַרבעט אין פעלד. אַזאַ ענלעכן יום־טוב האָבן אויך געהאַט אַנדערע פעלקער, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן אַראָפּגענומען די תבואה פון די פעלדער, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט איז

זייערע טעמפּלען און זיך צעלאָזן מיט געבעט, לויב און געזאַנג, און זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון הנפש צו די ימים נוראים, צו תשובה און חרטה אויף זינד...

ווען שלמה המלך האָט אויפגעבויט דעם ערשטן בית־המקדש איז דער חנוכת הבית פאָרגעקומען אין סוכות, ווייל דער יום־טוב האָט פאַראייניקט אַלע יידן אין איין עדה, האָט עס געגעבן אַ געפיל פון „בתוך עמי אנכי יושב." עס האָט יידן צוגעגעבן אַ נאַציאָנאַלן באַטייט; אויך דער געדאַנק פון „למען ידעו דורותיכם" האָט דעם יידן געגעבן דעם ווילן און אימפּראַטיוון קאָמפּלעקס ווייטער אָנצוהאַלטן די שיינע ימים־טובים פאַר די קומענדע דורות, און דורך דעם פאַרזיכערט דעם המשך און דעם קיום.

שפּעטער איז צוגעקומען, אַ חוץ צערעמאָניעס, אויך סימבאָלן און לעגענדעס, און סוכות האָט מיטגעמאַכט אַ סך גלגולים. אין יעדער תקופה איז עפּעס נייעס צוגעקומען.

ווען עזרא הסופר און נחמיה קומען צוריק פון בבל, איז געווען דער ערשטער פייערטאָג דעם יום־טוב סוכות, און די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס זאָגט זיך אין ספר נחמיה: „עס איז נאָך ניט אַזוי געפייערט געוואָרן דער יום־טוב סוכות זינט יהושע בן נון"...

נאָך שפּעטער האָבן די סופרים און נאָך זיי די גאונים צוגעגעבן אויך די פרייד פון דערמאָנען די געשיכטע פון יציאת מצרים, צו ווייזן ווער מיר זיינען. מיר האָבן געוואַנדערט אין מדבר און געזעסן אין סוכות. כאָטש דער דאָזיקער טעם האָט ניט קיין טיפע וואָרצלען, ווייל די פאָרשער פרעגן: אויב דער מאָטיוו פון זיצן אין סוכות האָט צו טאָן מיט וואוינען אין מדבר, און מיט יציאת מצרים, האָט מען געדאַרפט זיצן פסח אין סוכות! אָבער די פאָרשער גיבן אָן דעם טעם פון זיצן אין סוכות, ווייל אין יענער צייט פו יאָר נעמט מען אַראָפּ די ווייַנטרויבן און די וועלכער האָבן געוואוינט איןביידלעך, בעת אין מדבר זיינען גאָר געווען אוהלים, געצעלטן פון לייוונט, ווייל אין מדבר איז דאָך ניט געווען קיין האָלץ...

אָבער די געשיכטע האַלט זיך פעסט ביים טעם פון פאַרבינדן סוכות מיט נאַטור יום־טוב. ווידער, דער גרויסער יידישער געלערנטער, פילאָן, ווייזט אָן אַז סוכות איז אַ סימבאָל פון אָרעמקייט און אָפּקומעניש, אין אָפּשיידן זיך אַ גאַנצע וואָך פון פאַמיליען־טיש, איז צו דערמאָנען אַז מיר זיינען אין גלות, און אַזוי ווי די סוכה איז ניט אייביק, אַזוי אויך וועט דער גלות ניט זיין אויף אייביק. אויך צו וויסן אַז אונדזער לעבן איז ניט אייביק, און דאָס האָט שוין צו טאָן מיט תשובה. און ווען איז אַ בעסערע צייט אין יאָר פאַר מעדיטאַציע און חשבון הנפש, ווי אין צייט פון בלעטער־פאַלן, סוכות־צייט, ווי אויך די גאַנצע דערמאָנונג פון יציאת מצרים האָט צו טאָן מיט דעם געדענקען, אַז קנעכט זיינען מיר געווען ביי פרעהן אין מצרים...

* * *

נאָכ'ן צווייטן חורבן האָט זיך דאָס יידישע לעבן אַ סך געביטן. עס האָט אָנגעהויבן אָננעמען אַ מער ערנסטן כאַראַקטער, און אַלע ימים טובים זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הייליקע פאַרזאַמלונגען, טעג פון רו און גייסטיקע דערהויבונגען. און ווייל סוכות איז געווען אַ פריילעכער יום־טוב, האָט מען

איינגעפירט אביסל טרויער, ווי די טעג פון פאסטן און מתוודה זיין אויף זינד. און דא קומען אריין: ראש השנה, עשרת ימי תשובה, יום־כיפור, און אפילו אין סאמע מיטן סוכות איז אויך א שטיקל יום־כיפור־גייסט אין די מנהגים פון הושענא רבה — זיי אלע זיינען באקלאנגען פון אפשוואכונג, ניט צו געניסן צופיל פרייד.

וועגן דעם יום־טוב ראש־השנה ווערט בלויז דערמאנט אין ספר יחזקאל: דער צענטער טאג אין תשרי, דער טאג פון יובל־יאר. זעט אויס אז אין יחזקאל'ס צייט,ביים ערשטן חורבן, האט מען נאך ניט געוואוסט פון א יום־כיפור, וואס זאל זיין דעם צענטן תשרי. אויך אין ספר נחמיה, ווען עזרא לייענט די תורה דעם ערשטן טאג אין תשרי, זאגט זיך גלייך וועגן זיצן אין סוכות. וועגן יום־כיפור ווערט גאר ניט דערמאנט. עס זאגט זיך אין נחמיה: „די כהנים און לוויים האבן זיך פארזאמלט ביי עזרא הסופר צו קליגן אין די ווערטער פון דער תורה, און זיי האבן געפונען געשריבן, אז די קינדער פון ישראל זאלן זיצן אין סוכות דעם יום־טוב פון זיבעטן חודש; מ'זאל ברענגען בלעטער פון פאלמען און אנדערע געדיכטע צווייגן צו מאכן סוכות, ווי עס שטייט געשריבן: עס האבן געמאכט סוכות די גאנצע עדה אויף דעכער און הויפן. און די קינדער פון ישראל האבן דאס ניט געמאכט זינט די טעג פון יהושע בן־נון, און עס איז געווען א גרויסע שמחה, און זיי האבן געפייערט דעם יום־טוב זיבן טעג און דעם אכטן טאג אן אפשלוס.

זכריה דער צווייטער גיט אפ גרויס אנזען דעם יום־טוב סוכות, ווען ער דערציילט אין קאפיטל י"ד: „אלע פעלקער וועלן האלטן דעם יום־טוב סוכות."

א באזונדערן באדייט האט דער יום־טוב סוכות געהאט ביי די גולי בבל אין די צייטן פון נחמיה, ווען די יידן זיינען מיט זרובבל עולה געווען קיין ארץ ישראל. אין פרילינג און זומער האבן זיי זיך געמאכט סוכות, ביידלעך, אויפן וועג זיך צו פארהיטן פון דער ברענענדיקער זון.

ווייל סוכות איז אזא אלטער יום־טוב איז מען צו אים צוגעקומען מיט פיל װאריאציעס און מנהגים, וואס ווייזן בולט דריי שטופן פון אנטוויקלונג. ווען די כהנים האבן געפירט די עבודה (גאטעס־דינסט) בעת דער בית המקדש איז געשטאנען, זיינען געווען די צערעמאניעס פון די לוויים און כהנים מיט זילבערנע טרומפייטן, און דאס גיין אויף טרעפן פון לשכת עזרה און בלאזן תקיעה און תרועה. און די יונגע לוויים זיינען געגאנגען אין א פאקל־טאנץ, ווארפנדיק די פייערדיקע פאקלען פון האנט צו האנט, און געטאנצט האבן יונג און אלט...

די גרעסטע צערעמאניע איז געווען שמחת בית השאבה — די שמחה פון שעפן דאס וואסער. ווער עס האט ניט דאס ניט געזען — זאגט די גמרא — דער האט ניט געזען קיין שענערע שמחה. ביים צווייטן בית־המקדש זיינען די כהנים און די לוויים אראפ פון דער הויכער מדרגה. די פירערשאפט איז אריבער צו די געלערנטע סופרים און זיי האבן שוין צום יום־טוב סוכות צוגעגעבן א נייעם גלאנץ פון סימבאלן. עס זיינען געשאפן געווארן תפילות צו זאגן בשעת די הקפות ארום דער ספר תורה מיט ווערבעס אין די הענט. די ווערבע איז דאס נידריקסטע צווייגל; די ערבה וואקסט ביים וואסער, און אלע מנהגים, די הקפות און די

הושענות האָבן אַלע צו טאָן מיט וואַסער. די גמרא זאָגט: „נסכו מים, כדי שיתברכו לכך גשמי שנה."

דאָס אַרומגיין די הקפות האָט צו טאָן מיט דעם גלויבן, אַז אין אַ מעגל (רינג) איז אַ שעת הכושר אויסצובעטן ביי גאָט, אַ שטייגער ווי חוני המעגל האָט געטאָן. דאָס שאָקלען מיטן לולב, זאָגט די גמרא אין מנחות: „מולך ומביא כדי לעצור רוחות רעות; מעלה ומוריד, כדי לעצור רוחות טללים רעים." דאָס קלאַפּן די הושענא צו דער ערד האָט אויך צו טאָן מיט וואַסער אַלס אַ סגולה...

אַזוי האָט דער יום־טוב סוכות מיטגעמאַכט גלגולים צוזאַמען מיט די אַנדערע ימים־טובים פון נאַטור — צו גייסטיקייט, צו הייליקייט...

אין שייכות פון די פיר מינים מיטן יום־טוב סוכות, ווערט געזאָגט אין ספר היובלים: „נאָכדעם ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אברהמען די בשורה, אַז די קינדער פון זיין זון יצחק וועלן זיין אַן עם סגולה, אַ ממלכת כהנים און אַ גוי קדוש, האָט אברהם געמאַכט אַ גרויסע שמחה. זיבן טעג נעבן דעם מזבח וואָס ער האָט געבויט אין באר־שבע, האָט ער געמאַכט אַ סוכה פאַר זיך און פאַר זיינע קנעכט, און זיי האָבן זיך באַצירט די קעפ מיט קריינען פון געדיכטע צווייגן און פון דער ווערבעביים טייך, און אברהם האָט גענומען פון טייטלבוים אַ שיינע פרוכט און געקרייזט אַרום דעם מזבח..."

כאָטש סוכות איז איינער פון די דריי גרויסע ימים טובים ביי יידן, איז אָבער סוכות געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה. אַז מ'האָט געזאָגט „דער יום־טוב", האָבן אַלע שוין געוואוסט אַז מ'מיינט דעם גרויסן יום־טוב סוכות.

פון די אַלטע ציטן, אין די עלטערע היסטאָרישע ביכער, מיר ווייסן אויך אַ חוץ די ציטאַטן פון ספר היובלים, אַז אין אברהמס צייטן האָט מען שוין געפייערט סוכות. דער יום־טוב סוכות איז אויך געפייערט געוואָרן ביי די כנענים, וועלכע האָבן דאָרט געוואוינט פון פריער פאַר די יידן. עס ווערט דער־ציילט אין ספר שופטים, אַז די כנענים פון שכם האָבן געפייערט אַ פריילעכן יום־טוב, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעקליבן זייערע וויינגערטענער און געגעסן, געטרונקען און געהוליעט אין טעמפּל פון געץ בעל. (שופטים ט:27). אַז די יידן זיינען אַריין אין לאַנד, האָבן זיי אויך געפייערט דעם יום־טוב פון האַרבסט (חג האסיף). אָבער געפייערט האָבן זיי צו ה', דעם גאָט פון ישראל...

די סוכה איז דער סימבאָל פון יידישן גלות. אין סאַמע פרייד פון יום־טוב לאָזט אַ ייד איבער זיין פאַמיליע און גייט אָפּריכטן אַביסל גלות אין דער אָרימער סוכה. ער פילט זיך אָבער רייך און געהויבן. ער פאַרבעט די „אושפיזין", די פאָטערס פון יידישן פאָלק. ער פאַרבינדט זיך מיט דעם עבר. ער האָפט אויף אַ גליקלעכן מאָרגן. דער נוסח פון פייערן יום־טוב וועט אפשר זיין ניי, אָבער דער עיקר, דער יסוד, וועט בלייבן לעולם ועד.

---

## ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

י. פרידלאַנד

# אין הייליקער דערמאָנונג

צו די לאָס אַנדזשעלעסער שולן און קולטור־טוער איז דער חשובער סאָלאָמאָן קאַהאַן ע״ה געווען גוט באַקאַנט. אין יאָר 1943 איז ער געווען ביי אונדז אַ חשובער תושב, געווען עטלעכע יאָר דאָ דער לערער און דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג שולן. געקומען קיין אַמעריקע איז ער נישט נאָר מיט דעם סטאַזש פון לערער און פעדאַגאָר, נייערט ווי אַ זשורנאַליסט און שריפטשטעלער, מיט אַ גרויסער ערודיציע פון אַלגעמיינעם וויסן.

געדערעכט איז ד״ר ראַמאָס, מעקסיקאַנישער קולטור־פאָרשער און עסייאיסט, דער דעקאַן פון דאָרטיקן אוניווערסיטעט און פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע און עסטעטיק, ווען ער זאָגט אין זיין פאָררעדע צו סאָלאָמאָן קאַהאַנס לעצטן בוך: „מוזיקאַלישע עסייען":

„קאַהאַנס אייראָפּייאישע אוניווערסיטעט אויסבילדונג האָט געלייגט אַ פעסטן יסוד פאַר זיין קולטור און אַ סאָלידע באַזע פאַר זיינע מיינונגען וועגן קונסט און קינסטלערטום. אָט־דעםברייטן קולטורעלן הינטערגרונט איז עס צו פאַרדאַנקען וואָס זיין מהות דענקען איז גרויס־צוגיק און פריי פון יעדן מין פּראָווינציאַלקייט און באַגרעניצקייט. זיין ברייטער קולטור אויסבליק מאַכט עס אַז זיינע טעמעס וועגן מוזיק און מוזיקער זאָלן שטענדיק האָבן ברייטע האָריזאָנטן פון וועלט־פאַרנעם."

זיינע אָפּהאַנדלונגען אין „צוקונפט" און אין אַנדערע זשורנאַלן האָבן שוין דאָן, ביי זיין אָנקומען קיין אַמעריקע, געצויגן דעם אויפמערק אין דער שרייבער־וועלט און בעסערן יידישן לייענער.

ווען ער האָט זיך איבערגעצויגן קיין מעקסיקע, איז דער יונגער יידישער ישוב דאָן געווען אין דעם בראשית פון אויספירמונג; ווי אַ דינאַמישער, ענערגיש שעפערישער מענטש, האָט קאַהאַן אַ סך ביי־געטראָגן צו דעם וואָס דער ישוב אין מעקסיקע איז היינט צו טאָג: אַ פאַרצווייגטע יידישע פרעסע; יידישע טאָג־שולן; אַ ספּאָרט־צענטער פאַר דער יידישער יוגנט, און בכלל אַ לעבעדיק שפרודלדיק־יידיש שעפערישער סעקטאָר.

מיר דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, זיינען ליידער, אין איכות, אין גייסטיקע קולטור־שעפערישע אויפטואונגען, סיי אויף דעם געביט פון יידישן שול־וועזן און סיי אויף דעם געביט פון יידישן צייטונגס־וועזן, זיינען מיר גאָר הינטער־שטעליק לגבי אייך אין מעקסיקע, און מיר האָבן באמת אייך אויף וואָס מקנא צו זיין. צו די אַלע אויפטואונגען איירע איז קאַהאַן ניט געווען קיין פּאַסיווער צוקוקער, נייערט איינער פון די וויכטיקסטע שעפערישע כוחות, הן אויפן געביט פון יידישן זשורנאַליזם והן אין דער אויסצווייגונג פון יידישן שול־וועזן און יידיש קולטור־לעבן בפרט.

אויף דעם ליטעראַריש־שעפערישן געביט, האָט קאַהאַן במשך זיין לעבן אין מעקסיקע אַרויסגעוויזן אַ גרויס פּראָדוקטיוו שעפערישן כוח; ווי אַן ערודיט אין שפּראַכן, האָט ער זיך באַטייליקט מיט שאַפונגען אין יידיש, ענגליש און שפּאַניש. די דריי שפּראַכן זיינען געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין שעפע־

רישן מהות. ער האָט זיך איינגעלעבט אין דער שפּאַנישער קולטור, כמעט ווי מיט זיין מוטער־שפּראַך.

ווי אַ מוזיק־קריטיקער האָט קאַהאַן געמאַכט זיין גייסטיקע קאַריערע אויף דעם געביט; ער איז אַ סך יאָרן געווען אייפערדיק טעטיק, ביז ער האָט דערגרייכט אַן ערשט־קלאַסיקע פּאָזיציע צווישן שריפטשטעלער וועגן מוזיק בכלל. די צוקונפטיקע היסטאָריקער פון דער מוזיקאַלישער קונסט אין מעקסיקע, וועלן נישט קענען געפינען קיין בעסערן דאָקומענטירונג־קוואַל וועגן מוזיק־ווערק, קאָמפּאָזיטאָרן און אָרקעסטערס, וואָס זיינען געווען אין לאַנד במשך פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט.

ס'איז ווערט דאָ צו ברענגען אַ פּאָר ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען פון קאַהאַנס שעפערישע ווערק. ביכער אין יידיש: „יידיש מעקסיקאַניש" (1945); „מעקסיקאַנישע ווידערקלאַנגען" (1951); „מעקסיקאַנישע רעפלקעסן" (1945). בראָשורן: „דזשאָן דיואי, פּאַנען־טרעגער פון פּראָגרעסיווער דערציאונג" (1952); „בריוו וועגן מעקסיקאַנער יידישע סטודענטנשאַפט" (19"3); „חיים גרינבערגס גייסטיקע פּאַרוואַנדשאַפטן" (1953); בן־ציון גאָלדבערג: „קינסטלער פון יידישער פּובליציסטיק" (1956).

אין שפּאַניש: „לאַ עמאָסיאָן דע לאַ מוסיקאַ" (1936); רעפלעכאָס מוסיקאַ־לעס" (1938); „אימפּרעסיאָנעס מוסיקאַלעס" (1951); איבערזעצונג אויף שפּאַ־ניש גרעצ'ס צען בענדער יידישע געשיכטע.

במשך די לעצטע עטלעכע יאָר איז קאַהאַן געווען פּאַרוואַלטונגס רעדאַקטאָר פון דעם חודש־זשורנאַל אויף שפּאַניש: „טריבונאַ איזראַעליטאַ".

איינצעלנע אַרבעטן צעשפּרייט אין דער מעקסיקאַנישער פּרעסע; שטענ־דיקער מיטאַרבעטער אין דער „שטימע", „וועג", אין ניו־יאָרקער „צוקונפט"; אַרבעטן איבער ביכער פון דער יידישער שול אין שפּאַניש א"אַ; שטענדיקער מוזיק־קריטיקער אין דער ענגלישער וואָכנשריפט „טאַעמפּאָ"; געלעגנהייטלעכע אַרטיקלען וועגן מוזיק אין דער „ניו־יאָרק טיימס"; במשך די לעצטע צוועלף יאָר איז ער געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דעם זשורנאַל „מיוזיקאַל אַמע־ריקאַ," זיינע דערמאָנטע ווערק, קריטיק איבער מוזיק, זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין אַ צאָל שפּראַכן.

די יידישע קולטור און ליטעראַטור האָט אין דער חשובער פּערזענלעכקייט פון סאָלאָמאָן קאַהאַן פאַרלאָרן אַ גרויסן אומדערמידלעכן שעפערישן כוח.

כבוד זיין לויטערן אָנדענק.

---

איך שיק אייך, ליבער חבר פרידלאַנד, מיין ברכה אויף לאַנגע, געזונטע יאָרן. אייערע ווי אימער,

ס ע ר ע  י אַ פ ע

גאָלדע שלאָסבערג־דראָזד

# די הייליקע מאַטלע

(דערציילונג)

אין ווילנע, אויף לוקעשקעס, האָבן געלעבט צוויי זעלטענע מענטשן. זי, די קליינגעוויקסיגע מאַטלע, וואָס האָט קוים דערגרייכט אַרויפצוקוקן מיט איר בליק צום מאַן, און ער — אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ ליכטיקן גוטן פּנים, מיט אַ ברוינלעך, אַביסל צוגעשאָרן בערדל, וואָס האָט אים געגעבן אַן אייראָ־פּעאישן אויסזען.

ווען זיי פלעגןביידע גיין אין שול, אָדער צו־גאַסט, האָט מאַטלעס פּנים געשטראַלט און אַ הייליקע ליכט פלעגט זיך פּאַרשפּרייטן איבער זיי ביידן.

יואל, איר מאַן, איז געווען אַ זייער אָנגעזעענער זילבער־און־גאָלד־שמיד, איינער פון די בעסטע, באַוואוסט איבער פיל שטעט אין רוסלאַנד. ער פלעגט אָפּט אַרויסגערופן ווערן פון ווילנע אין פאַרשיידענע שטעט צו מאַכן די נויטיקע פּרוכתן, ספר־תורה־קרוינען און די גלעקלעך און אַנדערע באַפּוצונגען. ער איז געווען אַ מייסטער אויסאַרבעטער פון די צירונגען, וועלכע זיינען נויטיק געווען אין בתי־מדרשים און וועלטלעכע באַפּוצונגען, וועלכע מ'האָט באַשטעלט ביי אים.

ווען ער פלעגט פאַרענדיקן זיינע באַשטעלונגען, פלעגט ער זיך אָוועקשטעלן ביי דער זייט און קוקן אויף זיין ווערק מיט פרייד אין זיינע אויגן און אַמאָל פלעגט זיך אַ טרער אַראָפּקייקלען פון זיינע אויגן.

יואל איז געווען אַ זייער גוטער פאַרדינער און צוזאַמען מיט מאַטלען האָט מען געפירט אַ שיין, באַלעבאַטיש לעבן.

נאָר איין וואָלקן איז געהאַנגען איבער מאַטלעס בלויען הימל. זי האָט אים ניט געקאָנט געבן קיין קינד. ווען מאַטלע האָט חתונה געהאַט מיט יואלן, האָט ער שוין געהאַט צוויי זין אין לאָנדאָן מיט דער ערשטער פאַרשטאָרבענער ווייב, צו וועמען ער פלעגט פון צייט צו צייט פאָרן אויף אַ באַזוך.

מאַטלע פלעגט אים אַרויסבאַגלייטן מיט אַ ליכטיקן שמייכל און אים געוואונטשן אַ גליקלעכע רייזע.

אַזוי זיינען געגאַנגען די יאָרן. זיי האָבן געלעבט ווי צוויי טויבן, אָבער מאַטלעס האַרץ איז געווען צעוויטיקט און זי האָט געדינט גאָט און געהאָפט אַז אפשר וועט גאָט איר בענטשן און איר לעבן באַגליקן מיט אַ קינד...

מאַטלע פלעגט גאָט־דינסט טאָן דורך פאַרשיידענע גוטע מעשים. די ערשטע צוויי טעג אין וואָך פלעגט זי גיין צו די רייכע באַלעבאַטים פון שטאָט און צוזאַמענ־נעמען מעל, אייער, צוקער און האָניק און אויך פּרובירן אַרויסקריגן פון זיי אַ שטיקל עוף פאַר אַ קראַנקן, וואָס זי האָט אַליין אויסגעקאָכט און ברענגען דאָס צו דער אָרעמער קראַנקער פרוי. זי האָט אויך געשאַפן אַ גמילת־חסד פאַר די אָרימע הענדלער אויפן מאַרק, וואָס זאָלן קאָנען קריגן דאָס געלט צו קאָנען איינקויפן די פּראָדוקטן און דערנאָך דאָס פאַרקויפן אויפן מאַרק און אַזוי אַרום קאָנען דערנערן ווייב און קינד, און ווען דער מאַרקטאָג האָט זיך געענדיקט פלעגן זיי ברענגען דאָס געלט אין גמילת־חסד צוריק מיט אַ דאַנק.

די קליינע מאַטלע, די גוטהאַרציקע פּרוי, האָט נאָך אַלס קינד צעבראָכן איר רעכטע האַנט און די דאָקטוירים האָבן ניט ריכטיק צוריקגעשטעלט דעם געביין, נאָר עס איז געבליבן שטעקן ווי אַ לאָפּעטע און זי האָט אפילו ניט געקאָנט אַרבעטן מיט דער האַנט. דאָך האָט זי געטראָגן די קאָשעקעס מיט פרייד, אָנגעפּילטע מיט די אַלע זיבן זאַכן, וועלכע זי האָט צוזאַמענגענומען — מעל, צוקער, האָניק און אַנדערע שווערע פּעקלעך צו צעטיילן פאַר די נויטבאַדערפטיקע, וועלכע זיינען געקומען צו מאַטלען נאָך הילף.

מאַטלע פלעגט קנעטן די חלה מיט אירע קראַנקע הענט און אויסמאַכן די חלות, די קליינע חלהלעך פאַר די קינדער פון די אָרימע ווייבער און פּרייטיק אינדערפרי פלעגט זי שטיין מיט אַ שטאָלצנדיקן פּנים, פרעגן יעדן מאַן אָדער פרוי ווי אַזוי זיי פילן און געדולדיק אויסהערן יעדנס צרות און דאַן פאַנאַנדער־טיילן די חלות. צו די וואָס האָבן געהאַט קראַנקע אין בעט פלעגט זי אין אַ טעפּל אַריינלייגן אַ שטיקל הון אין זופּ און געוואונטשן דעם קראַנקן אַ רפואה שלמה.

אַזוי איז איר לעבן געגאַנגען פאַר אַכצן יאָר, ביז גאָט האָט איר תפילה דערהערט און די קליינע גאָטספּאָרטיקע מאַטלע האָט דערפילט לעבן אין אירע געווייד און געבוירן מיט מזל אַ זון. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צו גאָט און שטיל געדאַנקט אים פאַרן געבן איר אַ קדיש. פון גרויס פרייד וואָס גאָט האָט זיך אויף איר מרחם געווען האָט זי נאָכן געבורט פון איר זון נאָך שטאַרקער זיך גענומען צו באַזאָרגן די נויטבאַדערפטיקע.

ווען מען האָט געבויט די לוקעשקער שול האָט די גוטע קליינע מאַטלע געגעבן די פענסטער, די טירן, דעם ארון־קודש און די בענק.

אַזוי איז איר לעבן געגאַנגען, אָפּגעבנדיק אַ טייל פון זיך צו די קראַנקע און הילפלאָזע, ברענגען מעדיצינען פאַר די וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין דעם און אויך איר פּערזענלעכע הילף. און ווען מאַטלע איז נאָך אַזעלכע באַזוכן אַהיימגעקומען, פלעגט זי אויפהייבן אירע גוטע אויגן צום הימל און גאָט דאַנקען פאַר זיין השגחה איבער די ליידנדיקע.

מאַטלע האָט געקאָנט באַווייזן די אַלע זאַכן אויך נאָכן געבורט פון קינד, דערפאַר וואָס מיט איר האָט געוואוינט איר שוועסטער, וועלכע האָט אויפגעפּאַסט און אָפּגעהיט איר קינד און געטאָן אַלץ פאַר אים.

דאָס קינד איז געוואַקסן אַ געזונטער, אַ פריילעכער. דאָס הויז איז געשטאַ־נען אין אַ גאָרטן, אַרומגערינגלט מיטביימער און קוסיעלקע; דאָס קינד האָט זיך געשפּילט אין גאָרטן און געוואַקסן ווי אויף הייוון.

מאַטלע פלעגט פו צייט צו צייט געבן דעם קינד אַ גלעט אין קעפּל, ניט וועלנדיק איבערפירן מיט צופיל ליבע. און בשעת מעשה פלעגט זיך אַראָפּ־קייקלען פון איר פּנים אַ טרער. זי האָט געבעטן גאָט אַז ער זאָל אויסוואַקסן אַ גוטער און פרומער ייד.

ווען קותיאל איז געוואָרן בר־מצוה האָט ער גענומען וועבן זיינע אייגענע חלומות אין דער שטיל. עס האָט זיך גענומען וועקן אין אים דער באַגער צו וועלן פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווען ער האָט דערלעבט זיינע פערצן יאָר, האָט ער זיינע עלטערן געלאָזט וויסן וועגן זיינע פּלענער. האָבן טאַטע־מאַמע אים שטיל אויסגעהערט און מיט געמישטע געפילן אין זייערע הערצער, האָבן זיי געגעבן די הסכמה צו זיין פאָרן נאָך ארץ־ישראל.

מיט ציטער אין איר האַרצן און אין די הענט האָט די מאַמע געגומען פּאַקן פאַר איר בן־יחיד די בויטיקע זאַכן פאַר זיין געפּלאַנטער רייזע. עס איז פאַר אירע אויגן געקומען דאָס בילד ווי ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיך די קינדער געשפּילט אין צייכנס און אָט שוין איז ער אויס קינד; אָט ניט לאַנג איז ער געפאָרן אויף אַ הילצערן פערדל און איצט קלייבט ער זיך אַליין לאָזן איבער ווייטע לענדער און ימים.

ווען די צייט איז געקומען האָט מאַטלע גענומען איינפּאַקן די בויטיקע זאַכן פאַר איר קותיאלקעס רייזע. איר מוטערלעך האַרץ האָט געציטערט איבער איר קינדס פּלוצלינגדיקן אויפברויז פון וועלן פאָרן אין לאַנד פון די אָבות. אָבער הפּנים עס איז געווען גאָט׳ס געבאָט, טאָ וויאַזוי קאָן זי זיין קעגן?

עס איז געקומען דער אומפאַרגעסלעכער מאָמענט און טאַטע־מאַמע האָבן געדאַרפט באַגלייטן דעם זון צו דער באַן. איר האַרץ איז געווען אָנגעפילט מיט שווערע געפילן, נאָר זי האָט זיך באַהערשט און זי האָט איר זון צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַ הייסן קוש געגעבן אויף שטערן און ניט וועלנדיק האָט זי אים צוגעדריקט צו איר ברוסט און טרערן זיינען פריי געפלאָסן פון אירע אויגן.

קותיאלקע איז אַריין מיט זיינע חברים אין וואַגאָן פון דער באַן, זיך אויס־געדרייט צו טאַטע־מאַמע און אַ זאָג געטאָן: „זייט געזונט און זאָרגט זיך ניט. מיט דעם אויבערשטנס הילף וועט איר קומען צו אונדז אין ארץ־ישראל."

אָבער עס האָט זיך אַנדערש אויסגעלאָזט. עס איז געווען אין יענער צייט ווען ארץ־ישראל האָט געפאָדערט גרויסע קרבנות און קותיאלקע, אַזוי ווי זיינע חברים מיטאַרבעטער, האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט, מחמת אין יענער צייט האָבן נאָך די אַראַבער געוועלטיקט און ניט צוגעלאָזט קיין יידן. אויסערדעם האָט קותיאל באַקומען מאַלאַריע און איז אָפּגעלעגן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל.

זיינע טאַטע־מאַמע האָבן דערהאַלטן אָפטע בריוו פון אים און מאַטלע האָט געבעטן גאָט אַז איר בן־יחיד זאָל איבערקומען אַלע געפאַרן. אנשטאָט צו פאָרן צו אים קיין ארץ ישראל, ווי זי האָט געהאָפט און באַגערט, האָט די צייט אַנדערש געוואָלט און קותיאלקע האָט ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג און באַשלאָסן צוריק אַהיימצופאָרן.

אַן אויסגעדאַרטער, אַן אויסגעקוואַרטער איז קותיאל צוריקגעקומען קיין ווילנע. טאַטע־מאַמע האָבן אים מיט ציטערדיקע הערצער באַגעגנט ביי דער באַן און מאַטלע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און מיט טרערן באַדאַנקט דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט איר צוריקגעשיקט איר איינציק קינד אַ לעבעדיקן און אַ גאַנצן, כאָטש אַן אויסגעקרענקטן.

נעכט זיינען טאַטע־מאַמע געזעסן מיטן זון און זיך איינגעהערט מיט אָפענע מיילער צו די נסים וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן מיט די יידישע קינדער אין דעם לאַנד פון די אַראַבער און די שוועריקייטן וואָס זיי האָבן דאָן געדאַרפט אויסשטיין.

וואָס מער זיי האָבן זיך איינגעהערט, אַלץ שטאַרקער אָבער איז געוואַקסן ביי זיי דער גלויבן און דער חלום, אַז די צוקונפט באַלאַנגט צו די יידישע קינדער און אַז זיי וועלן נאָך דערלעבן צוזאַמען מיט זייער בן־יחיד אויסצולעבן זייערע יאָרן אין לאַנד פון די אָבות.

# ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור כראָניק

## קאַטאַלאָג לכבוד הונדערט יאָר יידישע ליטעראַטור

די „ציקאָ" צענטראַלע און ביכער פאַרלאַג, פון וועלכן דער פאַרוואַלטער איז איסר גאָלדבערג, האָט אַרויסגעגעבן אַ קאַטאַלאָג פון „הונדערט יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור." דער קאַטאַלאָג אַנטהאַלט 34 אָפּטיילונגען און איז פאַרזאָרגט מיט אַ זוך־צעטל און מיט אַ גענויע רשימה פון דער גרויסער ליטעראַטור אין יידיש־לאַנד. דער קאַטאַלאָג, אין 48 זייטן, האָט אַ סך אינפאָרמאַציע לכבוד דעם יום־טוב פון דער יידישער ליטעראַטור.

## ווילי און ליזע שאָר סטיפּענדיע פאָנד פאַר יידישע שרייבער

דער סטיפּענדיע פאָנד ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס וועט שטיין אונטער דער השגחה פון יעקב גלאַטשטיין, פּראָפ. עזריאל נאַקס, ד"ר ש. מאַרגאָשעס און א. אַלפּערין, און האָט ניט קיין שייכות צו אַנדערע פאָנדן מיט אַן ענלעכן צוועק. יעדן יאָר וועלן באַשטימט ווערן צוויי סטיפּענדיעס — יעדע פון 500 דאָלער — צו יידישע שרייבער, כדי צו העלפן אַרויסגעבן ווערק וואָס האָבן אַ ליטעראַרישן און וויסנשאַפטלעכן באַטייט.

## דער יובל־נומער „אונדזער קיום"

מיטן יובל־נומער האָט דער קליינער יידישער ישוב אין פּאַריז באַוויזן אַזוינס וואָס דעם גרעסטן יידישן ישוב — ניו־יאָרק — קומט אויס היפּש שווער צו באַווייזן, כאָטש עס לעבט נאָך אַ גרויסע פּלעיאַדע דיכטער און נאָוועליסטן, כן ירבו. פאַרשטייט זיך, אַז לויבן דעם פּאַריזער ישוב אַליין וואָלט געווען גאָר אַ גרויסע עוולה פאַרן רעדאַקטאָר, ד"ר ל. קורלאַנד, וואָס איז אַ מהדר מן המהדרים בנוגע דעם יובל־נומער „אונדזער קיום". אויסערלעך עסטעטיש און אינערלעך אַ מין מרכז רוחני — אַ גייסטיקער צענטער פון שריפטשטעלער פון גאָר דער גאַנצער וועלט.

דער רעדאַקטאָר האָט באַוויזן ווי אינטערקאָנטינענטאַל יידיש שאַפן איז נאָך היינט צו טאָג; אַ סך גרויסע פעלקער קאָנען דאָס ניט באַווייזן: פראַנקרייך, ישראל, אויסטראַליע, אַרגענטינע, די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, זיינען פאַרטראַטן אין איין נומער פון אַ יידישן זשורנאַל.

די יידיש־שונאים מעגן דערפון עפּעס לערנען אַביסל מאָראַל.

אַוודאי איז עס אַ דאַנק דער גרויסער פּערזענלעכקייט, ד"ר ל. קורלאַנד, וואָס איז פאַרבונדן מיט די יידישע שרייבער פון אַלע עקן וועלט; נאָר די אינטימע פאַרבינדונג מיט די מחברים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל ערנסטע באַציאונג צו דער שריפט, וואָס גראַד גייט זי אַרויס אין אַ קליינעם יידישן ישוב, הגם לויט דער שריסט, ווי שוין אויבן געזאָגט, קאָן דער גרעסטער יידישער ישוב אָנגעפילט ווערן מיט קנאת סופרים; און דאָס איז דער כוח פון סטימול פאַר אַזעלכע אָנרעגונגען צווישן שרייבער.

נו, וועלן מיר זען ווי דער אָפּרוף וועט זיין אין אַלע אופנים.

דערווייל אַ גרויסן יישר־כוח ד"ר ל. קורמאַן ד'פּאַריזש.

**מעם דע וועגא**

# אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**א. טאַבאַטשניק:**
**„דיכטער און דיכטונג" (עסייען)**

דריי אָפּטיילונגען. קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער 31 דיכטער. דאָס אַנטהאַלט 511 זייטן. אַרויסגעגעבן איזאין ניו־יאָרק, 1965.

* * *

**בעריש ווײַנשטיין:**
**„באַערטע לידער"**

געדרוקט אין 800 עקזעמפּלאַרן אין „המנורה" ביכער פאַרלאַג, תל־אביב, און ציק"א פאַרלאַג, ניו־יאָרק. האָט 328 ז"ז. פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן. פּאָרטרעט פון מחבר געמאָלן פון בען.

* * *

**ז. בונין: פון פרילינג ביז האַרבסט**

זכרונות און לידער, אַרויסגעגעבן פון ז. בונין בוך־קאָמיטעט, אין דעם פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 300 זז.

* * *

**יעפים ישורין: ביבליאָגראַפיעס**

צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין: ש. אַנסקי, י. י. שוואַרץ, א. ראַבאָי, ד"ר חיים שאָשקעס, חיים נחמן ביאַליק, אַברהם גאָלאָמב און ברוך אָליצקי. זיבן בראָשורן.

* * *

**ישראל עמיאָט: „אין מיטעלע יאָרן"**

דאָס בוך האָט 6 אָפּטיילונגען: א) אויף סאָוועטיש־יידישע טעמעס; 2) עסייען וועגן יידישע שרייבער; ג) בילדער און דערציילונגען; ד) מיני־אַטורן; ה) לידער; 1) איבערזעצונגען. דאָס בוך איז פּרעכטיק שיין אַרויס־געגעבן פון יידישן קאָמיוניטי קאָונסל, ראָטשעסטער, ניו־יאָרק. צו באַקומען ביים מחבר.

* * *

**ש. טענענבוים: „אייזיק אַשמדאַי"**

אַ גרויס ווערק פון 416 זייטן. הויפּט פאַרקויף ציק"א ביכער צענטראַלע, ניו־יאָרק, 1965.

* * *

**פּעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ:**
**„רגעם פון געגאָד"**

געקליבענע לידער, ציק"א ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1957.

**רחל ענע קאָסיצאַ: „זכרונות פון אַ ביאַליסטאָקער פרוי"**

איבער 90 יאָר אַלט, האָט איצט אַרויסגעגעבן אירע דערינערונגען. דאָס בוך אין דערשינען אין ל. א., האָט 163 זייטן.

* * *

**ליליען האַמער'ס לידער**

(באַקאַנטע דיכטערין פון ניו־יאָרק) זיינען אָנגענומען געוואָרן אין אַן ענג־לישער אַנטאַלאָגיע פון פּאָעזיע.

* * *

**יצחק טורקאָוו־גרודבערג:**
**„י. ל. פּרץ דער וועקער"**

(צום 50טן יאָרצייט). עסיי, אַרויס־געגעבן מיט דער הילף פון ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַראיין אין ישראל. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב, 1965.

* * *

**א. מ. אָרזשיצער:**
**„פון וואַנקואווער ביז אילת"**

וואַנדערונגען, רעפּאָרטאַזשן; האָט 4 אָפּטיילונגען; אַרויסגעגעבן פון פאַר־לאַג „אָסטראָווער", תל־אביב, 517 זז.

* * *

**יחזקאל קאָרנהענדלער:**
**„פאַריזער היסטאָרישע קוריאָזן"**

אַרויסגעגעבן דורכן מחבר מיט דער דער הליף פון „פאַראייניקטן סאָציאַלן פאָנד." הילע געצייכנט פון בען. אַלע איבערזעצונגען זיינען געמאַכט גע־וואָרן דורכן מחבר. פּאַריז, 1965.

* * *

**שלמה ראָזענבערג: „שבתי צבי"**

היסטאָרישער ראָמאַן. „המנורה" פאַרלאַג, תל־אביב תשכ"ה־1965. אַן אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון גרויסן פאַרנעם.

* * *

**א. בערגער: „אין סוף פון טעג"**

אַ זאַמלונג לידער. האָט פיר אָפּטיי־לונגען. אַרויסגעגעבן פונעם מחבר. הויפּטפאַרקויף ציק"א ביכער צענט־ראַלע, ניו־יאָרק. שיין אַרויסגעגעבן, 157 זייטן, 1965.

# 40 יאָריקער יובּילײ

פון

# לאָס אנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן ייִדישן מענטשן אין אַ ייִדישער סביבה״

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, ה׳תשכ״ו — סעפּטעמבער, 1965

## LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angele 29, Calif.

NOrmandy 4-9325

# באַאמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

## פאַר דעם יאָר 1965-64

פרעזידענט:
י. פרידלאַנד

וויצע־פרעזידענטן:
אליהו טענענהאָלץ
שלמה צוקערמאַן

פינאַנץ־סעקרעטאַר:
אייב שוואַרץ

עקזעקוטיוו סעקרעטאַר:
יצחק סאַפּיאַן

פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר:
סעם לעווין

קאַסירער:
י. ליוואַק

הויז־פאַרוואַלטער:
פּעי סאַפּיאַן
מ. ווינאַרסקי

בריוו־פאַרוואַלטער:
מאיר לעדערמאַן

באַאמטע פון היי־יאָריקער אַקציע:
יוסף וויינמאַן, פאָרזיצער
שלמה צוקערמאַן, סעקרעטאַר

אַדרעסן־טייפּיסטין:
עטל סיגעלניק

ביבליאָטעקאַר און אַרכיוו:
נתן אַזאָלין

פּובליסיטי:
י. טיליס
מ. סילבערט

ענגליש פּובליסיטי:
מאיר לעדערמאַן

קולטור קאָמיסיע פאַרן 39טן זמן:
י. פרידלאַנד, פאָרזיצער
אליהו טענענהאָלץ
י. סאַפּיאַן
ס. לעווין
ט. ברייס
ש. בריינין
שלמה צוקערמאַן
אייב און מיני שוואַרץ
יוסף וויינמאַן

אַקטיוו קאָמיטעט:
ליובאַ בריינין
דאָראַ לעווין
שרה ווינאַרסקי
מוסי פרידלאַנד
חבר און חברה חיים דאָרנאָ
ראָוז און ל. זעלמאַן
אַברהם באַביטש
חבר פיעלד
פּעי סאַפּיאַן
ציליע צוקערמאַן
מיני צוקערמאַן
מערי ליוואַק

---

## שנת ברכה והצלחה

צו אַלע חברים און חברות, מיטגלידער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, מדינת ישראל, און כל ישראל אומעטום.

י. פרידלאַנד, פּרעזידענט
אייב שוואַרץ, סעקרעטאַר

# רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת-צונאַכטסן

## 39-טן זמן — 1964 - 1965

א) שבת אָוונט, דעם 10טן אָקטאָבער, 1964 — דורכגעפירט די יערלעכע מיט-גלידער פאַרזאַמלונג. אין פראָגראַם פון אָוונט: אַ וואָרט פון פרעזידענט, י. פרידלאַנד, צו דער דערוויילונג פון באַאַמטע. איצחק סאַפּיאַזכ באַריכט פון נאָמינאַציע קאָמיסיע; תנחום ברייס: אינסטאַלירונג פון באַאַמטע.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 17—אָפיציעלע דערעפענונג פון 39טן זמן פון קולטור קלוב: אַלבערט סטוירך, באַרימטער פידל-קינסטלער; פייגעלע פּאַניטש, פּאָלקס-געזאַנג; אליהו טענענהאָלץ, שמואל סיגאַל, באַגריסער צו דערעפענונג פון 39טן זמן. י. פרידלאַנד, פּאָרזיצער.

ג) שבת אָוונט, נאָוועמבער 14—טעאַטער אָוונט פון אונדזערע קלאַסיקער. באַטייליקטע שוישפּילער: אליהו טענענהאָלץ, אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו, עמאַ סטרימאָוו, עזרא סטיין — דורכגעפירט סצענעס פון בנימין השלישי, פון מענדעלע; „וועניס און שולמית", פון י. ל. פרץ; „אַלע נעמען זיך אָן פאַר אונדז", פון שלום עליכם.

ד) שבת אָוונט, נאָוו. 21—דערעפענונג פון חודש פון יידישן בוך. געזאַנג — פעי קעטין זימערמאַן; שלמה טוזמאַן — רעפעראַט וועגן יידישן און העבּ-רעאישן בוך. אַריינפיר צום חודש פון יידישן בוך, פון י. פרידלאַנד.

ה) שבת אָוונט, נאָוו. 28—קבלת פּנים פון דעם שריפטשטעלער יצחק באַשעוויס. דער באַרימטער שרייבער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „קבלה". הערי לאַנג, באַקאַנטער זשורנאַליסט, איז געווען דער גאַסט-פּאָרזיצער און האָט פאַרגעשטעלט דעם גאַסט.

ו) שבת אָוונט, דעצעמבער 5—האָט העראָלד גרין מיט זיין כאָר פון טעמפּל בית ציון אָנגעפירט מיט געזאַנג און סאָלאָס.

ז) שבת אָוונט, דעצ. 12—אַ יידיש-מוזיקאַלישער קאָנצערט לכבוד דעם חודש פון יידישער מוזיק, מיט דער באַטייליקונג פון די קינסטלער: גדאַל זאַלעסקי, טשעליסט; סעמיועל דאַרדיס, פידל-קינסטלער, און שענאַן געלסין, פּיאַניסט.

ח) שבת אָוונט, דעצ. 19—אַ יוסף אָפּאַטאָשו געדענק-אָוונט, צום 10טן געדענק-אָוונט. חיים אָסטראָווסקי, רעפעראַט און פאָרלייענונג; סעמיועל פיינסמיט, קינסטלער-קלאָרנעטיסט; ביבליאָגראַפיע פון יוסף אָפּאַטאָשו.

ט) שבת אָוונט, דעצ. 26—צום צווייטן יאָרצייט פון ה. לייוויק האָט דער שריפט-שטעלער אריה פּאָזי, גאַסט פון ניו-יאָרק, רעפערירט וועגן ה. לייוויק. שמואל קעלעמער, אין אַ פּראָגראַם פון לייוויק'ס לידער, פּיאַנאָ באַגלייטונג ליליען קלעס. י. פ., פּאָרזיצער.

י) דעצעמבער 31טן—ניי-יאָר אָוונט פּראָגראַם — קעזאַנג, מוזיק, טענץ און ניי-יאָר באַנקעט.

## 1965

יא) שבת אָוונט, דעם 2טן יאַנואַר, האָט דער קולטור קלוב צוזאַמען מיט דעם „ייווא" דורכגעפירט אַ קבלת־פנים לכבוד די חשובע געסט ווילי שאַר און מאיר וויינטרויב, צו זייער צוריקקער פון אַ לענגערער רייזע אין ישראל.

יב) שבת, יאַנואַר 9—אַ ליטעראַטור־אָוונט צום 100סטן געבוירנטאָג פון ש. אַנסקי. יעקב קאַץ, קולטור־עסקן, האָט רעפערירט וועגן „פיר תקופות אין לעבן פון ש. אַנסקיס שאַפונג" און חיים אַסטראָווסקי האָט פאָרגעלייענט פון אַנסקיס פאָלקלאָר.

יג) שבת אָוונט, יאַנואַר 16—האָט פינטשע בערמאַן רעפערירט וועגן משה לייב האַלפּערינגס לעבן און שאַפן. י. פרידלאַנד — מיט ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן משה לייבס ווערק.

יד) שבת אָוונט, יאַנואַר 23—מאַט סערגעי בוטקעוויטש רעפערירט וועגן יידישן פאָלקלאָר; בערניס אַשדאַן פאָרגעטראָגן געזאַנג פון יידישע פאָלק־לידער.

טו) שבת אָוונט, יאַנואַר 30—פינפטער אויסטייל פון ליטעראַטור פּרעמיעס. באַטייליקטע: א. זיגלבוים, מלכה טוזמאַן, מאַטעס דייטש, י. פרידלאַנד. אליהו טענענהאָלץ האָט פאָרגעלייענט די באַגריסונגען פון די פרעמירטע. באַגריסונג פון תנחום ברייס. אויסטייל פון פרעמיעס פון בעל הפרעמיע.

טז) שבת אָוונט, דעם 6טן פעברואַר—כאָראַלער און וואָקאַלער קאָנצערט מיט העראָלד גרין און זיין געשולטן כאָר. גרין האָט רעפערירט וועגן יידישער מוזיק און אין סאָלאָס געזאַנג.

יז) שבת אָוונט, פעברואַר 13—געזאַנג־קאָנצערט או רעפעראַט. פעי קיילין זימערמאַן—קאָנצערט פון יידישן פאָלקסליד. אריה פאָזי, גאַסט פון ניו־יאָרק, רעפעראַט וועגן ר' נחמן בראַצלאַווער, איינער פון די ערשטע יידישע פאָעטן.

יח) שבת פעב. 20—לכבוד דער דערשיינונג פון מלכה טוזמאַנס ניי בוך לידער, „ליד פון געדענקען". באַטייליקטע: קיילין זימערמאַן, חיים אַסטראָווסקי, מאַטעס דייטש, מלכה טוזמאַן. י. פרידלאַנד האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

יט) שבת אָוונט, פעב. 27—100סטער געבוירן־יאָר פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. אברהם גאָלאָמב האָט רעפערירט וועגן זשיטלאָווסקיס לעבן און שאַפן. אברהם זיגלבוים האָט פאָרגעלייענט פון אונדזער ליטעראַטור.

כ) שבת אָוונט, דעם 6טן מערץ—לכבוד דעם 50סטן יובל פון י. פרידלאַנד'ס 50 יעריקע ליטעראַרישע און קולטורעלע טעטיקייט און 25 יאָר אַלס פּרעזידענט פון קולטור־קלוב. אין פּראָגראַם: אַלבערט סטוירן, פידל־קינסטלער; העראָלד גרין, לידער געזאַנג פון פרידלאַנד'ס לידער (מוזיק פון גרין); פייגעלע פּאַניטץ, געזאַנג; ה. לאַנג, אָפּשאַצונג; אַריינפיר צום אָוונט, ש. צוקערמאַן; אליהו טענענהאָלץ, פאָרזיצער. באַגריסונגען: מאַטעס דייטש, יצחק סאַפּיאַן; באַגריסונגען פון אָרגאַניזאַציעס און יחידים. שלוס־וואָרט פון דעם בעל־היובל. געלייענטע באַגריסונגען און טעלעגראַמעס פון פאָרזיצער פון אָוונט.

כא) שבת מערץ 13—אַ צאתך לשלום אָוונט לכבוד פּראָפעסאָר ליבמאַן צו זיין אָפּפאָר קיין מדינת ישראל. ליבמאַן האָט רעפערירט וועגן יהודה הלוי און זיינע ווערק. העראַלד גרין און מרים גאָלדמאַן אין געזאַנג פון יהודה הלוי׳ס לידער, באַגלייט פון מאָריס גאָלדמאַן. י. פ., פאָרזיצער.

כב) שבת, מערץ 20—אַ הומאָריסטישער אָוונט לכבוד יום־טוב פורים. פאָרלייע־נונגען פון שלום עליכם. העראַלד גרין, געזאַנג נומערן פון יידישן פאָלקלאָר.

כג) שבת אָוונט, מערץ 27—לכבוד דער דיכטערין ברכה קאָפּשטיין איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ קבלת־פּנים צו דער דערשיינונג פון איר בוך: „שבת און וואָך אין ישראל." די דיכטערין האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן איר ווערק.

כד) שבת אָוונט, דעם 3טן אַפּריל—צום 50טן אָנדענק פון י. ל. פּרץ, איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ ליטעראַרישער פּראָגראַם. יעקב ניומאַן האָט פאָרגע־טראַגן פאָרלייענונגע פון י.ל. פּרץ; שמואל קעלעמער, באַקאַנטער בעל־מנגן, געזאַנג־נומערן פון פּרץ; ישראל גובקין, רעפעראַט וועגן פּרץ׳ס שאַפונגען. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

כה) שבת אָוונט, אַפּריל 10—גלאַנץ־לעיעלעס׳ 75 יאָריקער יובל. אין פּראָ־גראַם: מאַטעס דייטש—אָפּשאַצונג; ליאָן מאַלאַמוט, קאָנצערטינע מייסטער; אליהו טענענהאָלץ, דראַמאַטישע פאָרלייענונג פון שלמה מולכו. י. פריד־לאַנד, ביבליאָגראַפיעס.

געשלאָסן דער קלוב צוליב דער ערשטער סדר־נאַכט.

כו) שבת אָוונט, אַפּריל 24—קבלת־פּנים לכבוד דער דערשיינונג פון ז. בוינס ניי בוך „פון פרילינג ביז האַרבסט." אין פּראָגראַם: פעי קיילין זימערמאַן—געזאַנג; פינטשע בערמאַן—אָפּשאַצונג; יצחק סאַפּיאַן—באַגריסונג; אליהו טענענהאָלץ—פאָרלייענונג פון בוינס שאַפונג. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

כז) שבת אָוונט, דעם 1טן מאַי—פייערלעכע מסיבה, קאָנצערט און כמו באַנקעט צו דער דערעפענונג פון דער יערלעכער אַקציע לטובת צו דעקן דעם יער־לעכן בודזשעט פון קולטור קלוב. פּראָגראַם: העראַלד גרין, ליליען קלעס, געזאַנג און פּיאַנאָ. יום־טובדיקע טישן כמו באַנקעט און אַפּעל.

כט) שבת אָוונט, מאַי 8—יום־העצמאות פייערונג, 17 יאָר מדינת ישראל. הרב ראָטענבערג, וועגן ישראלס זעלבסטשטענדיקייט; י. שעכטער, מוזיק און געזאַנג. די גרופּע הבונים האָבן דורכגעפירט טענץ. יצחק סאַפּיאַן, פאָר־זיצער פון דער פייערונג.

ל) שבת אָוונט, מאַי 15—טעאַטער פאָרשטעלונג: „די כעלעמער חכמים", פאָלקס קאָמעדיע, אויפגעפירט פון דער פאָלקס־בינע; רעזשי מענאַ שניידער; ב. צמח, טענץ; מאַי זאָלאָטאָראָף, סצענאַריעס; סילוויע סאַבאַראָף, מוזיק. פאָרזיצער פון אָוונט, אליהו טענענהאָלץ.

לא) שבת אָוונט, מאַי 22—יערלעכער שלום עליכם אָוונט. אינסצענירטע מאָנאָלאָגן פון ש״ע. רעזשי, אליהו טענענהאָלץ, און פאָרלייענונג פון שלום עליכם. באַטייליקטע אין די מאָנאָלאָגן: ש. שטראַוס, משה מאַנדלבוים, און פערל אָסטראָווסקי. ש״ע׳ס צוואה איז געלייענט געוואָרן פון דעם פאָרזיצער, און רעפערירט וועגן ש״ע האָט י. פרידלאַנד.

לב) שבת אָוונט, מאַי 29—סימפּאָזיום: „די יידישע גאַס אין אַמעריקע מיט 60 יאָר צוריק״ (אַ פּאַנעל). שמועסן ביים רונדן טיש, פון דער בינע. באַטייליקטע: אליהו טענענהאָלץ, ה. לאַנג, מאַטעס דייטש, און י. פרידלאַנד.

לג) שבת אָוונט, דעם 5טן יוני—טראַדיציאָנעלער שבועות יום־טוב. ד״ר דוד ברידזשער האָט רעפערירט וועגן יום־טוב און מתן־תורה. העראַלד גרין— „אַקדמות—געזאַנג סאָלאָס פון גרין און דער כאָר פון בני־ציון טעמפּל.

לד) שבת אָוונט, יוני 12—מוזיקאַלישער און ליטעראַרישער קאָנצערט צום אָפּשלוס פון 39טן סיום הזמן. פּראָגראַם: אַלבערט סטוירן, באַריטאָן, פידל־קינסטלער; פיאַנאָ באַגלייטונג, שענאַן געלסין; אליהו טענענהאָלץ, פאָרלייענונג; שמואל סיגאַל, באַגריסונג צום 39טן סיום הזמן. י. פרידלאַנד, אַריינפיר צו דער פייערונג. דער מאַנוסקריפּט איז פאָרגעלייענט געוואָרן פון אליהו טענענהאָלץ, וועלכער איז אויך געווען דער פאָרזיצער פונם אָוונט.

לה) שבת אָוונט, 19טן יוני—פייערלעכער קבלת־פּנים לכבוד דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער ישראל עמיאָט, גאַסט פון ניו־יאָרק, וועלכער האָט גערעדט אויף דער טעמע: „משיחישע באַוועגונגען ביי יידן און די אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור.״ באַגריסט דעם גאַסט האָט דער דיכטער מאַטעס דייטש; פאָרזיצער פון אָוונט איז געווען ה. לאַנג.

## פרידלאַנד־פאָנד בעט שרייבער אַריינצושיקן זייערע שאַפונגען

דער פרידלאַנד פאָנד האָט אַרויסגעשיקט אַ רוף צו שרייבער אַריינצושיקן זייערע עסייען און דערציילונגען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אין יאָר 1965.

די שאַפונגען וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט פון אַ זשורי, וואָס וועט אויסטיילן די זעקסטע יערלעכע פרעמיע פאַר דער בעסטער עסיי און בעסטער דערציילונג פון יאָר. די פרעמיע באַטרעפט 200 דאָלער. די געדרוקטע שאַפונגען דאַרפן אַריינקומען ניט שפּעטער ווי דעם 15טן דעצעמבער, היי־יאָר, אויפן פאָלגנדיקן אַדרעס: י. פרידלאַנד, 4375 סאַנסעט דרייוו, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

# א דאַנק־וואָרט

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט דאָ אויס אַ האַרציקן דאַנק און אנערקענונג צו די פאָלגענדע חברים און חברות, מיטגלידער און פריינט פון קולטור־קלוב, פאַר זייער באמת וואַרעמער קאָאָפּעראַציע אוןביישטייערונג. איר, ליבע פריינט, העלפט אונדז טיילווייז צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן סוף זמן וואָס דער קלוב האָט, און פאַרגרינגערט דעם עול פון אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס יידישן קולטור צענטער דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

מיט דאַנק און קולטור גרוס,

**פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב**

## ביישטייערונגען

$250.00

יוסף און גאָסי שפּיגעלמאַן
ווילי שאָר

$145.00

פריינט פון יוסף וויינמאַן

$100.00

יצחק און מוסי פרידלאַנד
יוסף און דזשעני וויינמאַן
מאָריס און שרה ווינאַרסקי
בעטי און אַלעק קאַרסאָן
מאָריס און מאַניע פאַרבער
שלמה און צילע צוקערמאַן
אידישער נאַציאָנאַל פאָנד

$70.00

חיים און שרה בתיה דאַרנאָ

$60.00

שמואל און ליובע ברייניז

$50.00

מיני און אייב שוואַרץ
אליהו טענענהאָלץ
חבר און חברה אייב ראָטבלאַט
(2410 גאַטרי קאָורט)

שאַרלאָט און סעם שאַרף
חברה גאָסי אייראָף
חבר הערי גאָלד
מעקס און עטל רומאַק

$35.00

יוסף און מערי ליוואַק

$30.00

חברה פעני לעווין
שמחה און יעטאַ גרעי

$25.00

חברה מלכה רויזענבלאַט
(אין אנדענק פון מיין מאַן
ה. רויזענבלאַט)
דאָרע און סעם לעווין
בעלאַ און סאול שפּיגלמאַן
חבר און חברה הערי אָרעק
חבר און חברה י. גרינשפּאַן
אסתר און בען סאָלאָמאַן
טילי און תנחום ברייס
חנה און פּיוול לערנער
סאָפיע און הערי שטערנפעלד
חברה ראָוז באַלאָט
חבר משה קאַפּלאַן
מאָריס און רחל דייטש
יעקב און אידית ניומאַן

חבר און חברה דזשעק קאהן
פעי און יצחק סאָפּיאַן
רעגינאַ זייד
(אין אָנדענק פון מיין מאַן יוסף זייד)
בען און מאַניא סאַפּקין
חבר און חברה נידלמאַן
חבר און חברה דוד מאַרסעל
חבר טשאַרלי צוקערמאַן

## $20.00

חבר און חברה ל. טאָובערט
חבר און חברה דוד שעראַגע
חבר און חברה דוד ווינער
חבר און חברה מ. גאַלאַנטי
דזשוליוס און בערטאַ מילער
חבר און חברה בערנאַרד גינגאָלד
חבר און חברה יונה בערקאָוויטש

## $15.00

חברה הייקע באַנק
(אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן אברהם)
חבר און חברה עליק קאַמינקער
חבר און חברה ש. מירענסקי
חבר און חברה ר. טעמפּער
חבר און חברה סאָול אדעס
חבר און חברה ישראל פריינד
חבר און חברה מאָריס ווײַנמאַן
חבר און חברה משה אָדערבערג
מאיר און מעי לעדערמאַן
חבר מ. פיעלד
חבר און חברה דזשיי קאַפּלאַן
(פּאַסאַדינא)
סעם און הילדאַ גלייזער

## $10.00

חבר קלמן פינק
חבר סעם שפּיגעלמאַן
רפאל און גאָסי ראָזענשטיין
חבר יונה ראָזאַנסקי
בען און סאָפיע ווילנער
חבר און חברה פּערלאָוו
חברה רעגינאַ מאָנסאָן
חבר נתן אָזאָלין
חבר און חברה ו. בעלקין
ישראל און ביילקע בלום
חברה סאָפיע אַגראַן

חברה מערי סטיין
חבר הענרי גארבאָוויטש
חברה א. סקאַקאָווסקי
חבר היימאַן אייבראַמס
חבר י. ראָזענבערג
חבר אלעק דיכטאָר
הערי און ראָוז שטראַסבערג
אסתר און יונה אַפּטייקער
חברה מיני באָום
חברה שרה יאָפּע
חבר און חברה וויינשטיין
חבר און חברה באָריס ווינער
חבר און חברה קעסעלמאַן
חברה אַניוטאַ (און זון גרשון) קאַפּילאָף
(אין אנדענק פון מאַן און פאָטער
משה לייב)
חברה מיני צוקערמאַן
(אין אָנדענק פון מיין מאַן
בען צוקערמאַן) —
חבר און חברה הערי ראָבינסאָן
חבר י. ערלין
חבר סעם סעפּקין
חבר נייטען פאָדעמבערג
חבר און חברה סאָול שניידער
יעטאַ און ז. בונין
חבר און חברה אהרן קאַפּלאַן
חבר און חברה סיוואָן האַמבורגער
חבר און חברה גאָלדשטיין

## $5.00

חברו רחל האזער
חבר טשאַרלי גרינשטיין
חבר און חברה סעם זיף
חבר און חברה אָרטענשטיין
חבר מאַקס ניימאַן
חבר דוד פּאָלסקי
חברה סאָפיע שלעזינגער
חברה דאָרע ריוולין
חברה דאָרע רעסלער
חבר דזשעק פּאַלאַטניק
חבר מ. ר. גרינפעלד
חבר און חברה ל. שיפּמאַן
חבר מאַקס קרימאַלסקי
חבר און חברה ח. ל. מילער
חבר יעקב רעימער
חברה מיני בלאַק
חברה ראָוז באַרמאַק

— $5.00 —

חברה גאָסי סאַרטאָ
חבר און חברה יעקב מילער
חבר לאסעס
חבר און חברה מ. סילבערט
חברה פנינה אָסמאַן
חבר און חברה יצחק בערקון
חבר קוויטקאָ
חבר און חברה פיליפ ברוידע

חברה אַדעלא פיינמאַן
חבר און חברה א. בוירנס
חבר ברענער
חבר און חברה גראַנדע
חבר און חברה אַרקווי
חבר פיליפ ראָזען
חבר און חברה באַר
חברה שרה פּאָגאָרעלסקי

## אין דערמאָנונג פון אונדזער פריינט אהרן אייעראָוו



צום יאָרצייט פון אונדזער חבר אהרן אייעראָוו ווילן מיר דאָ ברענגען אַ קורצן נעקראָלאָג צו זיין יערלעכן אָנדענק.

**אהרן אייעראָוו** איז געווען ביי אונדז אין שטאָט אַ לאַנג־יאָריקער תושב און האָט פאַרנו־מען אַן אָנגעזען חשובן אָרט אין אונדזער יידיש, געזעלשאַפטלעך קולטור־לעבן. מיר ווילן דאָ ברענגען אַ פּאָר מאָמענטן פון זיין חשובער פּער־זענלעכקייט. זיין אַרבעט אויף דעם געזעלשאַפט־לעכן קולטור געביט האָט זיך פילפאַרביק אַרויס־געוויזן ביי פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס:

אייעראָוו איז פאַר פיל יאָרן געווען דער סעק־רעטאַר פון „סיטי אָוו האָופּ“. ער האָט אָפּגעגעבן פיל צייט פאַר „פּעלאָשיפּ“ פאַר יידישער קולטור במשך די לעצטע צוועלף יאָר; ער איז געווען פאָרזיצער פאַר אַ צייט פון דער „אויפבוי“־גרופּע; געווען אַ מיט־גליד אין אַרבעטער רינג; געווען וויצע־פאָרזיצער פון יידישן קולטור־קלוב, און בכלל געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג; פאַר הסתדרות און נאַציאָנאַל־פאָנד, ווי אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן.

צום יאָרצייט פון זיין פּטירה ווילן מיר דאָ אויסדריקן אונדזער גרויסן פאַר־לוסט פון אונדזער אַקטיוון חבר און פריינט, דעם איבערגעגעבענעם ליבן מענטשן פאַר אונדזער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

אונדזער טרייסט צו חברה גאָסי אייעראָוו און דער גאַנצער משפחה, זיי זאָלן מער פון קיין צער ניט וויסן. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין

**פישל בימקאָ**, באַוואוסטער שרייבער, שריפטשטעלער און דראַמאַטורג, איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 74 יאָר. בימקאָ האָט זיך געגרייט אַרויסצוגעבן זיינע דערציילונגען און דראַמעס אין 25 בענד. כדי צו ערן דעם אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, האָט בימקאָ באַשטימט צוויי לאָניע בימקאָ פּרעמיעס אויף איר באַמען. בימקאָ איז באַטראַכט געוואָרן פאַר איינעם פון די באַגאַבסטע רעאַליסטן אין דער יידישער ליטעראַטור. כבוד זיין הייליקן אָנדענק.

---

**מענדל אָשעראָוויטש**, באַרימטער שריפטשטעלער, איז נפטר געוואָרן דעם 16טן אַפּריל, 1965, אין עלטער פון 78 יאָר. ער האָט פאַרעפנטלעכט ראָמאַנען, דערציילונגען, ביאָגראַפיעס. ער האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסע ליטעראַרישע ירושה — אַ 20 דערשינענע ביכער און אַ צאָל מאַנוסקריפּטן, וואָס וואַרטן אויף אַ תיקון. דער טויט האָט איבערגעריסן אַ טיף שעפעריש לעבן.
כבוד זיין אָנדענק!

---

**פּראָפ. א. א. ראָבאַק**, באַוואוסטער יידישער געלערנטער, איז נפטר געוואָרן צו 75 יאָר. דורכגעמאַכט אַ צאָל אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן; באַקומען טיטול ד"ר פילאָזאָפיע. ער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט צו 17 יאָר; זיך באַטייליקט אין אַ צאָל וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע זשורנאַלן; אָנגעשריבן אַ צאָל וויכטיקע ווערק, ווי „די סטאָרי פון יידיש ליטעראַטשור", די געשיכטע פון פּסיכאָלאָגיע און פּסיכיאַטריע, א"א. כבוד זיין אָנדענקען.
(פאַר זיין טויט האָט נאָך ד"ר ראָבאַק באַוויזן צושיקן אַ באַגריסונג צו י. פרידלאַנדס יובילעאום).

---

**יצחק בלום** (י. קריוואַנאַגי), פּאָפּולערער דיכטער און דערציילער, געשטאָרבן דעם 11טן אויגוסט ה"י אין מיאַמי, פלאָרידע, אין עלטער פון 79 יאָר. ער איז געווען מחבר פון ביכער סקיצן, דערציילונגען און לידער; געשריבן אין פאַרשידענע יידישע צייטונגען או זשורנאַלן, און דאָ אין ל. א. אויך אַרויסגעגעבן אייניקע שריפטן. זיין לעצט ביכל „אין מיין ליטעראַרישע אכסניה", אַרויסגעגעבן לעצטנס אין מעקסיקאָ.

---

**נחום כאַנין** — אַ מענטש פון פאָלק און פאַר'ן פאָלק. געשטאָרבן אין אויגוסט, 1965.

---

**מאַרטין בובער ז"ל** — באַרימטער יידישער פילאָזאָף — נפטר געוואָרן אין ירושלים, דעם 13טן יוני, 1965, אין עלטער פון 88 יאָר.

**משה שרת זכרונו לברכה**

*GREETINGS FROM*

**SAM & HELEN LEVINE**

**SIERRA SPECIALTY CO.**

617 N. La Brea Ave.

---

**GUENTHERS MURRIETTA**

**HOT SPRINGS**

MURRIETA, CALIFORNIA

MODERATE RATES — AMERICAN PLAN

*Special four-day rates for Sunday and Monday arrivals*

Dial 714-677 for Information and Reservation

---

*GREETINGS*

*from the*

HAVEN-LY BAKERY

מיר שיקן די האַרציקסטע ברכות

צו דעם

## לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און ווינטשן אים נאָך גרעסערע דערגרייכונגען
צו זיין 40 יאָריקן עקזיסטענץ.

חבר און חברה

## יוסף שפיגעלמאַן

---

## יידישע טעגלעכע ראַדיאָ

זונטיק אינדערפרי — פון 10:30 ביז 12

DIAL **KALI — 1430 KC.**

זלמן זילבערצווייג צילִיע סילווער

**ל. א. יידישער קולטור קלוב**

טייערע פריינט מיינע:

אַט־דאָס טשעקל — צוויי הונדערט און פופציק דאָלער — איז מיין מתנה צום קלוב לכבוד זיין 40 יאָר לעבן (ביז 120!) און זיין פאַרשפרייטן אונדזער רייך יידיש וואָרט פון אונדזער קולטור־אוצר, דאָ ביי אונדז אין שטאָט. הלוואי קען איך געבן אַ גרעסערע סומע. (שאַ: צום פופציקסטן זמן פון קלוב וועל איך געבן מער!) לאָמיר אַלע זיין געזונט, אָמן.

מיט כל טוב אייער

ווילי שאָר

---

**אונדזער גרויס פאַרגעניגן—**

**דער ל. א. יידישער קולטור-קלוב**

אויף אונדזערע רייזעס אין פאַרשידענע לענדער, איז אונדזער גרויס פאַר־געניגן צו הערן ווי מענטשן פרעגן אונדז וועגן יידישן קולטור־קלוב פון לאָס אַנדזשעלעס. זיינען מיר טאַקע שטאָלץ, חברים, צו זיין לאַנג־יאָריקע מיטגלידער און צוטראָגן אונדזער ביישטייערונג מיט דער ברכה: כל־טוב!

**חבר און חברה**

**מאָריס און מאַניע פאַרבער**

---

*Greetings from the*

**ISRAEL HISTADRUTH CAMPAIGN OF LOS ANGELES**

JULIUS FLIGELMAN
*President*

JOHN I. MARDER
*Chairman*

CHAIM SHAPIRO
*Honorary Chairman*

BERNARD B. JACOBSON
*Executive Director*

JACK KAHAN
*Chairman, Administrative Board*

# באַגריסונגען

## אַ דאַנק!

מיר דאַנקען די אַלע אונדזערע פריינט, וועלכע האָבן ביישטייערט (און ווילן בלייבן „אינקאָגניטאָ") צום ל. א. יידישן קולטור קלוב.

**יוסף און דזשעני וויינמאַן**

---

**ה. רויזענבלאַט צווייג פון יידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד**
ווינטשט דעם ל. יידישן קולטור קלוב, לכבוד זיין 40 יאָריקן עקזיסטענץ, ווייטער אָנצוגיין מיט זיין שיינער קולטור-אַרבעט.

**בערנאַרד גינגאָלד**, פּרעזידענט
**ר. טעמפּער**, סעקרעטאַר

---

## גוטע אַרבעט!

**ליבע פריינט פון ל. א. יידישן קולטור קלוב:**

נעמט אָן אונדזער וואַרעמע באַגריסונג און האַרציקן ווּאונטש, לכבוד אייער קולטור-אַרבעט פאַר 40 יאָר און, אויף נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אָמן!

**סעם און שאַרלאָט שאַרף**

## באַגריסונג צום 40 יאָריקן יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

### פרץ הירשביין צווייג 352 יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

במשך די אַלע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ האָט דער צווייג צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק פון געלט־זאַמלונג פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און הסתדרות קאַמפּיין, ישראל באָנדס, וועלפעיר פאָנד און אַנדערע.

אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און פראַטערנאַלן געביט קאָנען מיר אָנווייזן די רעגולערע פאַרזאַמלונגען יעדן חודש, מיט פראָגראַמען אויף אַ הויכן ניווא. אויך דער הילפס־פאָנד פונקציאָנירט אין גוטער אָרדענונג. אויף דעם קולטורעלן געביט שטייט דער הירשביין צווייג אויף אַ גאָר הויכער פאָזיציע: אַלע ימים־טובים ווערן געפייערט; לעקציעס איבער וויכטיקע טעמעס, אויך פאָרלייענונגען און מוזיקאַלישע נומערן ווערן אַדורכגעפירט.

ווי איר זעט, טוען מיר כמעט די אייגענע קולטור־אַרבעט, וואָס עס טוט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב. מיר זיינען שטאָלץ וואָס עס געפינען זיך צווישן אייערע מיטגלידער אַ גרויסע צאָל חברים פון אונדזער צווייג. זייט געגריסט!

מאָריס דייטש, פאָרזיצער — י. טייטעלבוים, סעקרעטאַר

---

**ART PRINTING SERVICE**

228 West Fourth Street — Los Angeles 13, Calif.

---

**AMERICAN ENVELOPE MFG. CO.**

3401 East Pico Boulevard

Los Angeles, Calif.

GREETINGS...

**SINCLAIR PAINT COMPANY**

3960 E. Washington Blvd. • Los Angeles 23, Calif.

ANgelus 8-2511

HARRY SINCLAIR SIDNEY SINCLAIR

---

*Compliments of*

**HOLLYWOOD REFRIGERATION**

*Distributors*

APPLIANCES FOR CONTRATORS AND BUILDERS

6100 Melrose Ave. • HOLLYWOOD 6 7111 • Los Angeles 38, Calif.

---

**BERNARD LEV**

LICENSED MASONRY CONTRACTOR

BLOCK WAALS • STONE VENEER • FIREPLICES

321 North Sierra Bonita • Los Angeles 36, Calif• • WE 1-3597

---

*Compliments of*

**BEVERLY VENETIAN BLINDS**

8330 West Third Street

Los Angeles, California

*WARM GREETINGS FROM*

**DAVIS BLEIWIS**

*Representative of*

**UNION MORTGAGE COMPANY**

---

*Compliments of*

**MANN BROS.**

PAINTS & VARNISHES

757 North LaBrea Ave. Los Angeles, Calif.

---

*GREETINGS FROM*

**LEEB POULTRY RANCH**

---

*Compliments of*

**ACME HARDWARE CO., INC.**

150 South La Brea Avenue

---



*More Jewish Families Select*

**GROMAN MORTUARIES**

HARRY GROMAN, *President*

**TWO LOCATIONS**

830 W. WASHINGTON BLVD., LOS ANGELES
RI 8-2201 • RI 8-2202

11500 SEPULVEDA BLVD., SAN FERNANDO VALLEY
TR 7-0335 • EM 5-7151

*One phone call for all your needs • Services in all cemeteries*

**דער יידישער נאַציאָנאַל פאָנד שיקט הארציקע ברכות צו אלע**
**יידן אין לאָס אנדזשעלעס, פיל גליק, געזונט און שלום על ישראל**
**און על מדינת ישראל.**

MILAN ROVEN, *President*
*Los Angeles Council*

BENJAMIN H. SWIG, *President*
*Western Region*

FRED KAHAN
*Western Region' Executive Directoo*

BERNARD GINGOLD
*JNF Chairman, Farband Council*

HARRY STERNFELD
*JNF Co-Chairman, Farband Council*

JOSEPH WEINMAN
*Foundation Chairman, Farband Council*

**JEWISH NATIONAL FUND**

5410 Wilshire Boulevard    Phone WEbster 7-0900

# The Los Angeles Yiddish Culture Club

FORTY years ago, our ELIHU TENENHOLTZ and a small group conceived the idea of a Yiddish Culture Club, free of any party affiliations, and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests, attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievement are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out, making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary and musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: I· Friedland, President (for the past 25 years); E. Tenenholtz and S. Zuckerman, Vice Presidents; Abe Schwartz, Financial Secretary; Sam Levin, Recording Secretary; I. Livack, Treasurer; I. Safian, Executive Secretary; Mooris Winarsky, Manager; Fay Safian, House Manager; N. Azolin, Librarian.

We are approaching our fortieth year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California

ABE SCHWARTZ, *Secretary*

---

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# "HESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

**LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB**

*and*

**L. A. WRITERS GROUP**


I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

**September, 1965**


# Los Angeles Yiddish Culture Club

*Thirty Ninth Anniversary*

***1926*** •●• ***1965***